# פרשת כי תצא ז' - י"ג אלול תשפ"א לפ"ק

***יום שני פרשת כי תצא***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ישראל שעכטער** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למחנה עדת יראים בפארקסוויל, והתפלל תפלת מנחה ביחד עם קרוב למאה בחורים, תלמידי כתה ט'. אחר שנשמעו דברי פתיחה מאת המנהל הרב **שלום פסח גרינבערג** שליט"א, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**עס** איז באמת ביי מיר א תענוג רוחני אנטייל צו נעמען דא צווישן די בחורים. מען האט פריער געהערט ווי אזוי דער זומער איז אדורכגעגאנגען, ווי פלייסיג מען האט געלערנט. מען האלט שוין ביים סוף פונעם קעמפ, מען איז שוין באלד אויפן וועג אוועקצוגיין. אבער מען ווייסט אז ביי די הייליגע טעג, איז נעילה דער חשוב'סטער זמן וואס איז דא אין די גאנצע הייליגע טעג. ווען מען האלט שוין ממש ביים ענדיגן דעם סוף פון יום הקדוש, דעמאלטס איז דער הויכפונקט פונעם יום טוב. דער זומער אין קעמפ איז הייליגע טעג און הייליגע נעכט. מען איז אפגעזונדערט פון די וועלט, מען זיצט און מען לערנט און מען דינט דעם אייבערשטען. עס איז אסאך מאל שענערע און הייליגערע טעג, ווי די הייליגע טעג אין די שטאט. און מען האלט יעצט ביים סוף, עס איז נעילה.

**ביי** נעילה בדרך כלל מאכט א מענטש א חשבון פון אלעם וואס איז אדורכגעגאנגען במשך פון די הייליגע טעג. מען גייט אריין אין א ניי יאר, מיט א נייעם התחדשות, וואס דארף ער מתקן זיין, וואס דארף ער זיך פארנעמען, און אזוי ענדיגט ער דעם יום טוב. די זעלבע איז ביי א בחור ווען ער ענדיגט די קעמפ, ווען ער ענדיגט זיינע חדר יארן, ער הייבט אן אריינצוגיין אין א ישיבה, דארף מען מאכן א שטיקל חשבון הנפש אויפן עבר, און א חשבון הנפש אויף להבא. דעם עבר קען מען שוין נישט טוישן, עס איז אדורך, וואס עס איז געווען, איז געווען. די גוטע זאכן דארף מען זיך מיטנעמען אויף ווייטער, און די שלעכטע דארף מען איבערלאזן. אבער מען דארף אנהייבן מיט א פרישן התחדשות, מיט א נייקייט, עס איז א ניי יאר, א נייע ישיבה, א נייע סדר אינעם גאנצן לערנען. און דאס איז דער זמן פון נעילה, בעפאר מען גייט אריין, זיך מסדר זיין אויפן קומענדיגן זמן.

**איך** וויל עס משלב זיין מיט א פרשה די וואך אין די תורה. עס פאסט אפשר נישט צו רעדן פאר בחורים, ווייל מען רעדט פון א בן סורר ומורה, דאס איז אינגאנצען נישט דער מהות פון א בן תורה. אבער די פרשה פון בן סורר ומורה איז זייער א אינטערעסאנטע פרשה. עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין עא.) אז דאס איז נישט געשטעלט געווארן, אז מען זאל מקיים זיין וואס עס שטייט אין די תורה, וואס מען טוט פאר א בן סורר ומורה, ווייל עס איז דא איין דעה אין די גמרא (שם), אז עס האט קיינמאל נישט פאסירט אזא זאך ווי א בן סורר ומורה, ווייל לויט די הלכות וואס די תורה האט אראפגעשטעלט פאר דעם סורר ומורה, ווען עס קומט אים מיתה, איז כמעט נישט מעגליך אז עס זאל קענען זיין אזא מציאות, אז מען זאל עס קענען אויספירן. נאר פארוואס דען האט עס די תורה געשריבן, דרוש וקבל שכר, מען דארף גוט אדורכלערנען די פרשה פון א בן סורר ומורה, און ארויסנעמען דערפון דעם געדאנק, און מיט דעם זאלסטו לעבן. די גאנצע פרשה האט די תורה אונז געגעבן, נישט ווייל די תורה האט געוואלט מען זאל עס אויספירן, נאר האב א השגה, און טראכט אריין אין די פרשה, ווייל דאס וועט דיר צונוץ קומען אויף דיין גאנץ לעבן שפעטער.

**וואס** א בן סורר ומורה איז, ווייסט מען דאך, כי יהיה לאיש בן סורר ומורה, איננו שומע בקול אביו ובקול אמו, עס הייבט זיך אן אינדערהיים, ער פאלגט נישט וואס דער טאטע און די מאמע זאגט, ויסרו אותו, און מען ווארנט אים, ולא ישמע אליהם, ער פאלגט נישט. און דער טאטע און די מאמע ברענגען אים אל זקני עירו, און זיי זאגן, בננו זה סורר ומורה, איננו שומע בקולנו, ער פאלגט אונז נישט, זולל וסבא, ער איז א פרעסער און א זויפער (דברים כא-יח). רש"י זאגט, אז א בן סורר ומורה איז נישט חייב עד שיגנוב, ביז ער וועט גנב'נען געלט ביים טאטען, ויאכל תרטימר בשר וישתה חצי לוג יין, און ער קויפט זיך א שטיקל פלייש מיט ווין. דאס איז א בן סורר ומורה, ער איז א זולל וסובא.

**איך** וועל עס אראפלייגן מער אין מציאות. עס האט אים אנגעגלוסט צו עסן א גוט שטיקל פלייש, און טרינקען א גלאז וויין, גייט ער צו, צו זיין טאטעס רעקל, און ער נעמט ארויס א צוואנציגער, און ער גייט אריין אין געשעפט, און ער קויפט זיך א סאלאמ"י סענדוויט"ש, מיט א קליין באטעל וויין, און ער טרינקט עס אויס, דאס איז א בן סורר ומורה. און אויף דעם זאגט די תורה, וואס דארף דער טאטע טון, עס האט נאר איינמאל פאסירט, מען רעדט נישט ווען עס פאסירט שטענדיג, זאגט די תורה הק', מען זאל נעמען דעם קינד, ורגמהו כל אנשי עירו באבנים, מען זאל אים באווארפן מיט שטיינער, ומת, און ער זאל שטארבן, ובערת הרע מקרבך. דאס קינד האט נישט עובר געווען אויף קיין שום חיוב מיתה דאורייתא, מען זאל אים דארפן הרג'נען דערפאר, און ער האט נישט גע'גנב'עט קיין מיליאן דאלער, סך הכל פעלט אים אביסל פלייש מיט וויין, און מיט א פאר דאלער קען ער עס באקומען, פאר דעם האט די תורה געהייסן מען זאל הרג'נען דאס קינד. זאגט רש"י, ער איז נהרג על שם סופו, יעצט איז ער א קליינער שגץ, אבער דאס וועט זיך נישט אפשטעלן דא, דאס גייט ווייטער. הגיעה תורה לסוף דעתו, אז ער געוואוינט זיך צו טון אזוי, סוף, דער סוף וועט זיין, שמכלה ממון אביו, ער וועט נישט נעמען נאר צוואנציג דאלער. היינט נעמט ער צוואנציג, און מארגן פופציג, און איבער מארגן הונדערט, און ער וועט מכלה זיין דאס געלט פונעם טאטען. און נאכדעם וואס ער האט זיך צוגעוואוינט צו אזא לעבן, ומבקש לימודו ואינו מוצא, ער האט נישט מער קיין געלט צו נעמען פון זיין טאטען, ער האט אים שוין אויסגעזעקלט, ועומד בפרשת דרכים ומלסטם את הבריות, שטעלט ער זיך אויפן וועג, און ער הייבט אן צו בא'גנב'נען מענטשן. ער טוט קרומע זאכן, כדי ער זאל קענען נאכקומען זיין לעבן שטייגער. אמרה תורה, ימות זכאי ואל ימות חייב, זאל מען אים ענדערש הרג'ענען יעצט ווילאנג ער איז נאך א קליין קינד, און נישט שפעטער. מען נעמט א בר מצוה יונגל, און מען פארשטיינערט אים, ווייל ער האט איינמאל צוגענומען געלט פון זיין טאטע, און ער האט געקויפט פלייש און וויין. זאגט די תורה, דאס איז א סכנה! עס הייבט זיך נאר אן דא, דער וועט שטארבן שפעטער אלץ א חייב, ווייל ער וועט זיין א מלסטם את הבריות, און ימות זכאי ואל ימות חייב.

**עס** איז דא א ווארט אין רש"י, רש"י זאגט, הגיע תורה לסוף דעתו, סוף שמכלה ממון אביו, ער וועט ענדיגן די געלט פונעם פאטער, ומבקש לימודו ואינו מוצא. וואס איז דער לשון ומבקש לימודו? עס וואלט געדארפט שטיין ומבקש רגילותו, וואס ער האט זיך צוגעוואוינט? נאר די תורה הק' זאגט, ווען א קינד לייגט זיך אריין אין אכילה ושתיה, יענעם'ס געלט איז גארנישט, ער נעמט צו יענעם'ס געלט, ער עסט און טרינקט, נאכדעם ווען ער זעצט זיך אראפ לערנען, מבקש לימודו ואינו מוצא, דער קאפ איז אים פארשטאפט, דער קאפ פארשטייט נישט וואס מען לערנט. ער וויל לערנען, ומבקש לימודו, אבער עס גייט נישט, ער האט נישט קיין חשק, ווייל נאר אז מען פירט זיך ערליך, דעמאלטס האט מען אן הצלחה אין תורה.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, למעשה איז נישט אויסגעקומען מען זאל טון אזא זאך. טאטע מאמע גייען נישט נעמען אזא קינד, און אים טראגן צום בית דין, ווען ער ווייסט אז מען גייט פארשטיינערן דאס קינד. יעדע טאטע מאמע וועט רחמנות האבן אויפן קינד, און וועט אים נישט טראגן. תוספות זאגט אבער, דרוש וקבל שכר, לערן דעם לימוד מוסר השכל דערפון. אז ער הייבט אן צו שטעלן די אנהייב פון זיין לעבן אויף א נישט א ריכטיגן וועג, דאס בלייבט נישט שטיין דארט, דאס וועט אים פירן ביז ער וועט אינגאנצען אוועקגיין, ער וועט נישט זיין א נארמאלער מענטש, ער וועט זיין א מלסטם את הבריות.

**ווי** אלט איז דער בן סורר ומורה? כל ימיו של בן סורר ומורה איז נישט מער פון דריי חדשים, פון די בר מצוה, ביז דריי חדשים שפעטער, נאר אין די צייט. וואס איז ווען ער ווערט א שגץ ביי די פערצן, צו ביי די פופצן יאר? עס איז נישט דא קיין הלכה פון א בן סורר ומורה, מען הרג'ט אים נישט. פארוואס? ווייל ווען ער ווערט בר מצוה, הייבט זיך אן ביי אים אן התחלה אין זיין לעבן. ביז יעצט איז ער געווען א קטן, ער איז געווען פטור פון אלעם, און יעצט הייבט ער אן. ווען א מענטש הייבט אן מיטן לינקן פוס, ער הייבט אן תיכף מיט אזא וועג פון גנב'נען, עסן, טרינקען, זויפען, עס האלט אים גארנישט צוריק פון נאכצוגיין זיינע תאוות הלב, אויף דעם זאגט די תורה, אז ער וועט אזוי בלייבן, און ימות זכאי ואל

ימות חייב. דער דרוש וקבל שכר, וואס מען דארף דרש'נען די פרשה, ווען דו ווערסט גוט דרש'נען די פרשה, ווערסטו האבן א געוואלדיגן שכר, עס וועט דיר צונוץ קומען אין לעבן. דו ווערסט וויסן פון דעם, אז אין די התחלה פון יעדע זאך, אין דעם ווענדט זיך די גאנצע סוף שפעטער. אזוי ווי מען הייבט אן, אזוי ענדיגט זיך עס.

*

**עס** איז שוין באלד די סיום פונעם קעמפ, מען גייט אוועק פונעם קעמפ, אבער עס איז די התחלה פון אריינצוגיין אין די שטאט, און ווי אזוי מען הייבט אן אריינצוגיין אין שטאט, מיט וואס פארא כוונה, מיט וואס מען נעמט זיך פאר, אזוי וועט עס נמשך ווערן אויף שפעטער. **ווען א מענטש קומט אריין אין שטאט, ווערט ביי אים א נייע וועלט, פון וואס ער איז געווען אין די צוויי חדשים זומער. די נסיונות זענען אסאך גרעסער ווי עס איז געווען דא. און עס ווענדט זיך ווי אזוי מען הייבט אן. הייבט ער אן מיט גדרים וסייגים, איך גיי נישט איבעראל, איך וויל נישט אלעס נעמען אין די הענט אריין, איך וויל נישט אלעס זעהן, איך וויל נישט אלעס וויסן, איך וויל זיצן אין בית המדרש און אויסנוצן די צייט צו דינען דעם אייבערשטען, האט ער סייעתא דשמיא אז ער קומט אן. ווייל בדרך שאדם רוצה, לילך מוליכין אותו. אבער אויב ער הייבט אן צו גיין קרום, איך בין פריי, דאס וועט זיך נישט ענדיגן דארט. ער מיינט אז עס איז א קלייניגקייט, און עס איז טאקע אפשר נאר א קלייניקייט, אבער די תורה זאגט, אז אין דעם קלייניקייט, וועט דער סוף זיין אזוי ווי ביי דעם בן סורר ומורה.** ווייל אלעס ווענדט זיך אין די התחלה ווי אזוי מען הייבט אן.

**עס** קומט א נייע יאר, ווי אזוי מען הייבט אן דאס יאר, אזוי וועט זיין די יאר שפעטער. פון ראש השנה, פונעם אנהייב פונעם יאר, ביז יום כיפור, איז דא עשרת ימי תשובה, וואס דאס איז די דערהויבנסטע טעג פונעם יאר. פארוואס? ווייל דו הייבסט אן דעם יאר. ווען מען הייבט אן א נייע זאך, אז מען הייבט עס אן מיט קדושה און מיט דערהויבענקייט, לאזט עס איבער א רושם אויף שפעטער. טאמער מען פארפאסט די עשרת ימי תשובה, מען פארפאסט די התחלה, איז שווער נאכדעם אנצוהייבן א נייעם מהלך. כדי מען זאל קענען האבן די עשרת ימי תשובה, די אנהייב פונעם יאר ערליך, האט מען געגעבן א חודש אלול, עס גייט נישט נאר אז מען טוט זיך צוגרייטן דערצו, אז מען גרייט זיך צו אין חודש אלול, קען מען האבן שפעטער אן ערליכן ראש השנה, און א ערליכע הייליגע טעג, און דאס גיט די התחלה אויפן גאנצן יאר שפעטער.

**נאכדעם** הייבט זיך אן א נייער זמן, מען קומט אין א נייע ישיבה, מען הייבט אן זיך אוועקצוגעבן פאר תורה, שכחי עמך ובית אביך, ויתאוו המלך יפיך (תהלים מה-יא), ווען מען קומט אריין אין ישיבה, דארף מען זיך אוועקגעבן פון צופרי ביז ביינאכט, צו זיצן און לערנען, און אויסנוצן דעם גאנצן טאג פאר עבודת ה'. און אזוי ווי מען הייבט אן, אזוי וועט עס זיין שפעטער, מיט וואס פאר א חשק דו גייסט אריין, מיט וואס פאר א קבלה דו נעמסט אויף דיר, צו פארגעסן פון אלעם וואס איז אדורכגעגאנגען ביז יעצט. ב"ה מען איז געווען וואוילע בחורים ביז יעצט אויך, אבער מען איז דאך געווען אין א קלענערע מדריגה אין חדר ווי עס איז שפעטער. און אזוי ווי מען הייבט אן, אזוי ציהט זיך עס נאכדעם.

**די** התחלה איז נישט נאר ביי א געוויסע זמן, נאר יעדן טאג, ווען א מענטש שטייט אויף צופרי, ווי אזוי די התחלה פונעם טאג איז, אזוי איז שפעטער דער גאנצער טאג. **ווען ער שטייט אויף מיט א חשק, ער קומט אראפ פונעם בעט, ער גיסט זיך אפ נעגל וואסער נעבן בעט, און ער קומט גראד אין בית המדרש לערנען, און ער דאווענט ערליך, די ערשטע פאר שעה פונעם טאג איז אדורכגעגאנגען בקדושה, לאזט עס איבער א כח אויפן גאנצן טאג שפעטער. אבער אז מען הייבט אן קרום, מען הייבט אן אויפצושטיין שפעט, מען פארפעלט זמן קריאת שמע, מען דאווענט נאכדעם נישט אין די צייט, האט זיך שוין אנגעהויבן דער טאג אויף א קרומער וועג. און נאכדעם וועט דער גאנצער טאג זיין אזוי.** א מענטש קען זיך טוישן, אבער מען רעדט אין כלליות, ווי אזוי עס איז בדרך כלל.

**דאס** איז די חשיבות פון יעדע התחלה. די תורה איז געשטעלט אויף מקדש זיין די התחלה. מען געפונט די קומענדיגע וואך אין די פרשה (דברים כו-ב) ווען א מענטש גייט ארויס אויפן פעלד, און ער זעהט א פרי שבכרה, די ערשטע פרי איז ארויסגעקומען, זאגט

ער הרי זה ביכורים. דאס איז נישט פאר מיר, דעם ראשית דארף מען מקדיש זיין פארן אייבערשטען, ברענגט ער ביכורים. ער האט צוזאמגענומען די תבואה פון זיין פעלד, און עס ליגט אים אין א כרי, ער גייט עס אנהייבן צו נוצן, ראשית דגנך איז תרומה, דער ראשית גייט אוועק פארן אייבערשטען, עס איז תרומה. און אזוי איז ביי יעדע זאך, דארף מען מקדש זיין דעם ראשית.

**ב"ה** אז מען איז מקדש דעם סוף פונעם יאר, מען האט געהאט צוויי חדשים זומער דא, איך באקום גוטע גריסן דעם גאנצן זומער, ווי שיין און ווי פלייסיג מען לערנט. וואס פאר א כוחות ר' שלום פסח [גרינבערג] מיט די גאנצע חברותא לייגט אריין אין ענק. איך בין היינט געקומען, און איך האב עס בייגעוואוינט מיט די אויגן, צוצוקוקן ווי פלייסיג מען האט געלערנט. **מען ענדיגט יעצט הייליגע טעג וואס מען איז דא געווען, און מען גייט אריין אין די שטאט, דארף מען זעהן ממשיך צו זיין דעם זעלבן סדר היום וואס מען האט געהאט דא. בשעת מען איז נאך אין קעמפ, דארף מען זיך פארנעמען, אז מיין סדר היום גייט זיין אין די שטאט אויך די זעלבע. צו עס איז דא חדר, צו עס איז דא ישיבה, צו עס איז בין הזמנים, דער באשעפער האט זיך נישט געטוישט, און דער מענטש טוישט זיך אויך נישט. מען דארף אנהאלטן א סדר, אויפצושטיין צופרי, דאווענען באצייטנס, און פירן זיך ערליך, אזוי ווי מען האט זיך געפירט דא אין משך פונעם טאג, דעמאלטס האט מען די כוחות אריינצוגיין אין די הייליגע טעג, אין דעם ראש השנה, און נאכדעם יום הקדוש, אין די פרייליכע טעג פון סוכות, און נאכדעם אריינגיין צום אנהייב פון זמן.**

**וויל** איך נאר אזויפיל וואונטשן, דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען אויסנוצן די ראשית פארן אייבערשטען, מען זאל קענען האבן הצלחה, און שטייגן אין תורה און אין יראת שמים, די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך נחת. און מיר זאלן אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, און זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, שהתקיים בראלי האטעל.

***<u>יום שלישי פרשת כי תצא</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***<u>יום רביעי פרשת כי תצא</u>***

אחר תפלת שחרית הסיב רבינו שליט"א למסיבת לחיים לרגל היארצייט של הר"ר **צבי יהודא קיסנער** ע"ה (ממונטריאל, גיסו של הרבנית מוואדקערט ע"ה, חמותו של **רבינו** שליט"א), שלא הניח זרע של קיימא.

*

***<u>שבת קודש פרשת כי תצא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** שולחנו ביחד עם תלמידי ישיבתינו הק' בבית המדרש.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה). בברכת המזון נתכבד הרב **בערל לאקס** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק').

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

**רלז.** סיפר הרה"ח רבי טוביה יוסף משיראדז, שהיה פעם אחת בקאצק ביחד עם רבינו זצ"ל, בימים האחרונים של חג הפסח. והיו אז עוד כמה מגדולי החסידים, והזמינם **הרה"ק רבי דוד בן הרה"ק מקאצק** לביתו על קידוש, וביקש גם את רבינו לבוא לביתו ולקדש אצלו. אחר הקידוש אכל **הרה"צ רבי מרדכי יוסף מאיזביצא זצ"ל** קניידעל במקום סעודה, והגיש גם לפני רבינו קניידעל, והפציר בו מאוד שיאכל גם כן, ולא רצה לאכול. ואמר לו הרה"ק מאיזביצא למה זה תחמיר יותר ממני, אני אוכל תמיד בפסח קניידלעך. ורבינו לא ענה על זה כלל, רק כעין שחוק קל עבר על פניו. ופתאום הרגיש הרה"צ מאיזביצא שחותך בשיניו בתוך אכילתו איזה דבר קשה, וכאשר הוציא המאכל מפיו, ראה חצי חטה שהיתה מונחת בתוך הקניידעל. ואמר לרבינו, יודע אני שזהו המלאכה שלך שעשית לי.

וסיפר אחר כך, כי למחרתו היה אצל הרה"ק מקאצק, ושאלהו מה זה שניכר בך משהו עגמת נפש. וסיפר לו, כי

כך קרהו. ואמר לו הרה"ק מקאצק, אין לך לדאוג כלל על זה, כי כחו גדול מאוד, והוא יכול להמציא חטה גם במאכל היותר נקי וכשר. אבל תהיה נזהר מהיום והלאה בו, כי הוא אש להבה. וסיפר אחר כך מעשה **מהאר"י הק'** שהיה נזהר מלאכול בשר של חלק אחורים מפני הגידין. ופעם אחת זימנו **מרן הבית יוסף זצ"ל** לביתו לסעוד אצלו, ואמר לו האריז"ל, כי לא יוכל לאכול אצלו בשר, אם יש בו מעורב גם מחלק האחורים. ואמר לו הבית יוסף, שלא ידאג מזה, כי הוא בעצמו עשה מלאכת הניקור, ונעשה על צד היותר טוב. ומילא האריז"ל רצונו, והלך להסעודה. ובאמצע הסעודה הרחיק האריז"ל הקערה עם הבשר מלפניו, ולא רצה לאכול. ושאלו הבית יוסף על זה ואמר לו, אחר שבעצם ידי ניקרתי הבשר, הלא תוכל להיות בטוח שלא נשאר משהו מן הגידין. אז לקח האריז"ל חתיכה של בשר מהקערה, והראה להבית יוסף שיש בה איזו גידין. ומרן הבית יוסף נצטער מזה. ובלילה אמר לו המגיד שלו, אל תדאג כלל, כי הבשר היה מנוקר על ידך על צד היותר טוב, אבל עם האיש הגדול הזה אין לך להתחרות, כי הוא יכול להמציא גידין גם על כותלי הבית.

**והוסיף רבינו:** כמדומה לי, איך האב אמאל געהערט פארציילען אויף **רבי הלל קאלאמייער זצ"ל**, ער איז געווען א געוואלדיגער מוכיח. וואו ער איז געגאנגען און ער האט געזעהן עפעס א עולה, האט ער מוכיח געווען אויפן פלאץ. און עס איז אים איין מאל אויסגעקומען צו זיין ביים **צאנזער רב זי"ע**, און דער צאנזער רב האט געוואוסט אז ער איז א מוכיח, זאגט אים דער צאנזער רב, זאגטס מיר אויך מוסר. און ער האט אים מוסר געזאגט אויף צוויי זאכען. איינס, אז עס איז נישט געווען א זכר לחורבן אין דעם שטוב וואו דער צאנזער רב איז געזעסן. דער צאנזער רב האט געהאלטן אז מען דארף נישט האבן דארט א זכר לחורבן. אבער אזוי ווי ער האט אים מוסר געזאגט, האט דער צאנזער רב געהייסען אריינבריינגען א לייטער, און ער האט זיך אליין אויפגעשטעלט, און ער האט אנגעהויבן אפצוקראצן פון די וואנט, אלץ מען דארף איבערלאזן א זכר לחורבן.

**נאכדעם** האט ער אים געזאגט, אז עס דרייען זיך ארום קעץ אין שטוב, און די קעץ לאזן צואה, און מען טאר נישט זאגן קיין יודיש ווארט וואו עס איז דא צואה. האט דער צאנזער רב געזאגט, מיין שטוב איז ריין. רבי הלל קאלאמייער האט זיך נישט געפוילט, און ער האט אוועקגעריקט די קאוט"ש וואס איז געווען דארט אין שטוב, און ער האט געוויזען, אז עס איז דא דארט צואה. ווען ער איז ארויסגעגאנגען האט דער צאנזער רב געזאגט, עה, עס איז נישט דא דארט גארנישט. נאר מן השמים האט מען געוואלט אז רבי הלל קאלאמייער זאל זיין רואיג, האט מען עס אונטערגעשיקט. - אמאל איז דא וואס מען שיקט אונטער, כדי יענער זאל נישט האבן קיין חלישת הדעת. און אזוי איז געווען דא, מען האט אונטערגעשיקט כדי צו ווייזען אז וואס ער האט געטון, איז געווען אויסגעהאלטן.

# פרשת כי תבא י"ד - כ' אלול תשפ"א לפ"ק

*יום שלישי פרשת כי תבא*

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי המתיבתא להיבחן אצל **רבינו שליט"א** על מסכת נדרים שלמדו במשך השנה.

אחר תפלת מנחה הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת סיום מסכת נדרים שנלמדה בישיבתנו הק' במשך השנה. הבחור **יהודא** (ב"ר לוי מיכאל) **גראסס** נ"ו (תלמיד ישיבה גדולה), והבחור **יצחק מרדכי** (ב"ר שלמה זלמן) **פאללאק** נ"ו (תלמיד ישיבה קטנה) נתכבדו לסיים מסכת נדרים. אחר הסיום יצאו כל הקהל בריקוד, והבחור **יהודא גראסס** נ"ו נשא דברים לכבוד המאורע. אחר שנשמעו דברים מאת **הרב אלימלך שפיטצער שליט"א** (מנהל ישיבה גדולה), ומאת **הרב פישל לעווי שליט"א** (מנהל ישיבה קטנה), השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו. אחר כך חילק **רבינו שליט"א** מתנה לתלמידי ישיבה גדולה שהצטיינו בלימוד באשמורת הבוקר (לפני פארטאגס) במשך הקיץ, ולתלמידי הישיבה קטנה שהצטיינו בלימוד אחר מעריב מחמשה עשר באב ואילך. בברכת המזון נתכבד המנהל הרב **פישל לעווי** שליט"א.

*וזה תוכן הדברות קודש:*

**אונז** זיך מיר צוזאמען ביי א סיום מסכתא, א סיום פון א גאנץ יאר וואס מען האט זיך געפלאגט אויף די מסכתא. אז דער אייבערשטער העלפט, אז מען ענדיגט די מסכתא, און מען פארהערט זיך, איז עס באמת א יומא טבא לרבנן.

**איך** מיין אז די סעודה היינט האט א קשר צו די פרשה די וואך, די מצוה פון ביכורים. ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, האט דער אייבערשטער געגעבן פאר יעדן איינעם זיין נחלה, און מען האט זיך געפלאגט א גאנץ יאר איינצוזייען דעם פעלד, און עס הייבט אן ארויסצוקומען די פירות, איז עס א שמחה ביי א יוד. און וואס טוט ער מיט די ערשטע פירות, ער טראגט עס ארויף בבית ה', אינעם אייבערשטען'ס הויז, און ער ברענגט ביכורים. עס איז נישט גענוג וואס ער ברענגט די ביכורים אליין, און ער גיט איבער די ביכורים פארן כהן, וואו די מצוה פון ביכורים איז. עס איז דא א גאנצע פרשה פון דאנקען דעם אייבערשטען, אויף די ביכורים וואס ער ברענגט. ולקח הכהן הטנא מידך, והניחו לפני מזבח ה' אלקיך, וענית ואמרת לפני ה' אלקיך (דברים כו-ד), ער זאגט די גאנצע פרשה, וואס דער אייבערשטער האט אים אלץ געהאלפן ביז ער איז אנגעקומען אהער, אז ער האט געקענט ברענגען די פירות, ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה.

**רש"י** זאגט, וענית, לשון הרמת קול, מען קען נישט זאגן שטיל, ווי ער דאווענט א תפלה פארן אייבערשטען, נאר וענית, הייב אויף דיין קול און זאג עס הויעך. עס איז געווען א מצוה צו זאגן די פרשה פון ביכורים אויף א הויעך קול. [מען דינגט זיך אפילו, צו עס איז שייך ביי דעם שומע כעונה, אז ער הערט ווי א צווייטער זאגט, און ער וויל יוצא זיין דערמיט, ווייל קען זיין וויבאלד עס שטייט וענית, מוז עס זיין מיט א הרמת קול]. דאנקען דעם אייבערשטען, איז נישט אז א מענטש קומט אין בית המדרש, און ער שטעלט זיך ביי א ווינקל פארן רבונו של עולם, איך דאנק דיר רבונו של עולם פאר דעם חסד וואס דו האסט געטון מיט מיר, איך האב מצליח געווען דאס יאר, איך האב געענדיגט א מסכתא, איך האב געהאט א פיינעם זמן. עס איז נישט גענוג. וענית, דו דארפסט עס זאגן בהרמת קול. נעמטס ענק צוזאם אלע צוזאמען, און אזוי זאל מען דאנקען דעם אייבערשטען. תפלה איז בלחש, תפלה זאגט מען שטיל, ווען דו האסט א בקשה צום אייבערשטען, דארף קיינער נישט וויסן, קיינער דארף נישט הערן. אבער דאנקן דעם אייבערשטען, ובתוך רבים אהללנו (תהלים קט-ל), עס איז דא א ענין אז מען זאל דאנקען דעם אייבערשטען בתוך רבים. אז מען דאנקט בתוך רבים, ברענגט מען אנדערש ארויס די הודאה, ווי ווען א מענטש דאנקט נאר פאר זיך אליין. ווען ער זאגט עס מיט אן הרמת קול, ער זאגט עס הויעך, איז עס אן אנדערע סארט הודאה, ווי ער וואלט עס ווען געזאגט שטיל.

*

**מען** געפונט ביי די פרשה פון ערי מקלט, תכין לך הדרך (דברים יט-ג), אז אויפן גאנצן וועג ביז צו די ערי מקלט, איז געווען אויפגעשטעלט טאוולען וואו די ערי מקלט זענען, אז דער רוצח וואס דארף לויפן אין די ערי מקלט, זאל וויסן וואו ער דארף אנצוקומען. דאס געפונט מען נישט נאר ביי ערי מקלט. מען ברענגט צו פונעם **חפץ חיים**, אז ער האט געפרעגט,

פארוואס געפונט מען נישט, אז עס זאל זיין טאוולען אויפן וועג צום בית המקדש, מען זאל וויסן וואו צו גיין. די ערי מקלט איז דאך נאר געווען פאר א פאר רוצחים, יודען זענען נישט קיין רוצחים, עס איז נאר געווען רוצחים בשוגג, און פון דעסטוועגן דאך האט מען געדארפט אנגרייטן דעם וועג, ער זאל קענען אנקומען אהין. יעדער יוד דארף עולה רגל זיין, פון אלע עקן, און גיין צום בית המקדש שלש פעמים בשנה. פארוואס איז נישט געווען קיין מצוה תכין לך הדרך, אז עס זאל זיין טאוולען, וואו אזוי אנצוקומען צום בית המקדש.

**האט** דער חפץ חיים געענטפערט דערויף, ווען א רוצח האט גע'הרג'ט יענעם בשוגג, און ער דארף גיין אין ערי מקלט, ווי וויי'ניגער מען רעדט דערפון, איז אלץ חשוב'ער. פארוואס דארף מען פארציילן אז א יוד איז גע'הרג'ט געווארן, און ווער עס האט אים גע'הרג'ט, און ווי אזוי ער איז גע'הרג'ט געווארן. דער רוצח האט נישט קיין ברירה, ער דארף גיין אין ערי מקלט, שטעל אים צו א וועג ער זאל קענען אנקומען צום ערי מקלט, און ער זאל נישט דארפן פאר קיינעם פארציילן זיין מעשה וואס ער איז אדורכגעגאנגען. ער דארף קיינעם נישט פרעגן וואו די ערי מקלט זענען. אז ער וועט פרעגן, וועט מען דאך תיכף וויסן אז ער איז א רוצח, ער איז געווען א הורג נפש בשגגה, און ער דארף אהין אנקומען, וועגן דעם האט די תורה געזאגט תכין לך הדרך.

**גיין** צום מקום המקדש, יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך, זיך צו באוויזן פארן אייבערשטען, אדרבה, דארט זאלסטו נישט וויסן וואו מען גייט, און דו זאלסט פרעגן יעדן יוד וואס דו טרעפסט אויפן וועג, וואו איז דער בית המקדש, וואו גייט מען אהין? און ער וועט דיר זאגן, גיי דא אויף רעכטס, גיי דא אויף לינקס. ער גייט א פאר גאסן ווייטער, פרעגט ער ווייטער א צווייטן, איך בין פארלוירן, וואו איז דער בית המקדש. אדרבה, זאל מען רעדן דערפון, זאל איינער ארויפברענגען פארן צווייטן, יא, עס איז דא א ענין צו גיין אין בית המקדש, און איך וויל גיין אין בית המקדש. ביז ער איז אנגעקומען אין בית המקדש, האט ער געדארפט רעדן צו צוואנציג דרייסיג מענטשן, און אנפרעגן וואו דער וועג איז. ער האט נישט געהאט קיין דזשי. פי. עס. צו וויסן וואו אזוי ער קומט אן אהין. ווען ער האט געדארפט וויסן וואו מען קומט אן, האט ער געדארפט פרעגן און רעדן דערפון. אדרבה, די תורה וויל אז פון א דבר טוב זאל מען רעדן, און וועגן דעם איז נישט געווען קיין טאוולען אויפן וועג צום בית המקדש.

**איך** האב געזעהן צובריגגען פון א גדול, אז דער חפץ חיים האט געזאגט די ווארט פאר א יוד וואס איז געקומען נאך געלט פאר א דבר טוב, פאר א מוסד, פאר א ישיבה. ער איז אנגעקומען דארט אויף ראדין, און ער איז ארומגעגאנגען נאך געלט, און ער האט זייער שוואך מצליח געווען. דא האט ער באקומען א פאר פרוטות, דארט א פאר פרוטות. און אין די זעלבע צייט איז געווען איינער פון די מאדערנע וועלט, פון די השכלה וועלט, וואס ער איז אויך געגאנגען נאך געלט, און ער האט זייער שיין מצליח געווען. וואו ער איז געגאנגען האט ער באקומען גרויסע נתינות. און דער יוד האט זיך אפגערעדט פארן חפץ חיים, אז עס טוט אים וויי דאס הארץ, איך גיי פאר אזא דבר קדוש, און איך בין נישט מצליח, און דער איז געקומען, און ער האט אזוי שיין מצליח געווען.

**האט** אים דער חפץ חיים געזאגט, דער חילוק צווישן דיר מיט אים איז, ער גייט דאך פאר א דבר וואס איז לא טוב, פאר א השכלה'דיגער ענין, דער אייבערשטער וויל אז ער זאל רעדן דערפון צו ווי וויי'ניגער מענטשן, שיקט אים דער אייבערשטער צו, צו א פאר עשירים, זיי צאלן אים אויס, און ער גייט אוועק פון די שטאט. אבער דו גייסט פאר תורה, דער אייבערשטער וויל, אז דו זאלסט רעדן צו נאך א יוד, אז עס איז דא א ישיבה, און מען לערנט תורה, און מען דארף עס מחזיק זיין, באקומסטו דא א פאר פרוטות, גייסטו צו נאך א יוד, און דו בעטסט פון אים אויך, דו חזר'סט נאכאמאל איבער, אז יודען לערנען תורה. דער אייבערשטער וויל, אז תורה זאל ווערן צושפרייט איבעראל, פאר דיר גיט ער נישט אז דו זאלסט עס באקומען אויף איינמאל.

**שרייבט** דער גדול, אז איך האב עס כמה פעמים געזאגט פאר משולחים וואס זענען געגאנגען נאך געלט, און זיי האבן נישט מצליח געווען אזוי שטארק, און זיי האבן געזאגט, אז זיי האבן געהאט א געוואלדיגן חיזוק פון די מעשה, אז דאס אליין איז די עבודה, ער זאל וויסן די מצוה אליין, וואס ער גייט

ארום פון איין שטוב צום אנדערן שטוב, ער דארף איבערחזר'ן נאכאמאל דעם דבר טוב, וואס תורה איז, און ווי חשוב עס איז צו שטיצן תורה, און זאגן נאכאמאל פאר יענעם די חשיבות פון תורה, דאס אליין איז א חלק פון די עבודת ה'.

**ווען** מען גייט אין ערי מקלט איז דא טאוולען, רעד נישט צו קיינעם. אבער ווען דו גייסט אין בית המקדש, איז נישט דא קיין טאוולען. וענית ואמרת, ווען מען קומט דארף מען רעדן הויעך, **זאל יעדער הערן, זאל יעדער וויסן, אז אונז האב מיר געענדיגט א מסכתא, אונז פריי מיר זיך דערמיט, איש לרעהו יאמר חזק, מען גיט ארויס די שמחה פארן צווייטן.** דער צווייטער וואס איז נישט אנגעקומען צו ענדיגן די גאנצע מסכתא, האט ער א האלבע שמחה, כאטש א האלבע מסכתא, אויך א געוואלדיגע שמחה. איינער נעמט זיך פאר אז דעם קומענדיגן יאר אי"ה וועל איך אויך קענען די מסכתא, איך וועל זיך צושטעלן דערצו. וענית ואמרת, ברענגסט ביכורים, און דו דאנקסט דעם אייבערשטען, זאג עס הויך, מיט א הרמת קול.

*

**רש"י** (שם כו-ג) זאגט, ואמרת אליו, שאינך כפוי טובה. זאג פארן אייבערשטען, אז דו ביסט נישט קיין כפוי טובה. איך דאנק דיר רבונו של עולם אויף דעם גוטס וואס דו האסט מיר געטון, דו האסט מיר געגעבן פירות, און איך האב געקענט ברענגען ביכורים, איך קען טון די מצוה וואס דו האסט מצווה געווען. און ער הייבט אן צו דאנקען דעם אייבערשטען, נישט פון ווען ער איז אריינגעקומען אויף ארץ ישראל, און ער האט א פעלד. ער הייבט אן פון יעקב אבינו, ארמי אבד אבי, וירד מצרימה, איך האב א גאנצע פרשה, א היסטאר"י, ביז איך בין אנגעקומען אהער. מיין זיידע יעקב אבינו האט געהאט צו טון מיט לבן, ער האט אים געוואלט הרג'נען. און מיינע עלטערן זענען געווען אין מצרים, און מען האט שווער געארבעט, און דו האסט אונז ארויסגענומען פון מצרים, דו האסט אונז אריינגעברענגט אין ארץ ישראל. מען האט צוטיילט ארץ ישראל, און איך האב באקומען מיין נחלה, און יעצט ברענג איך מיין פרי הארץ, ביכורים פארן אייבערשטען. ווען א יוד דאנקט דעם אייבערשטען, דאנקט ער נישט פאר דעם מצב וואו ער האלט יעצט, אויף דעם גיט ער די הודאה. ווען דו דאנקסט דעם אייבערשטען, הייב אן פון מה טובו. הייב אן וויפיל חסד דער אייבערשטער האט געטון ביז דו ביסט צוגעקומען צום היינטיגן טאג. ביז דו ביסט צוגעקומען צו די יעצטיגע צייט, און אזוי זאלסטו אפגעבן די הודאה פארן אייבערשטען.

**לענינינו, אונז דאנק מיר דעם אייבערשטען, אז אונז האב מיר געלערנט. מיר זענען געזעסן א יאר אין ישיבה, און מען האט געענדיגט די מסכתא. עס איז באמת א געוואלדיגע שמחה, איך האב אליין געהאט א פערזענליכע שמחה, איך האב פארהערט די בחורים, ווי שיין מען האט געענטפערט, און ווי אזוי יעדער איינער האט געקענט. עס איז דא א שמחה פאר יעדן איינעם. די שמחה הייבט זיך נישט אן דא. ווען דו דאנקסט דעם אייבערשטען, הייב אן צו דאנקען דעם רבונו של עולם פאר אלע דיינע יארן ביז יעצט. אז דו האסט זוכה געווען צו זיצן אין ישיבה, און דו געפונסט זיך דא, ביז דו האסט געקענט צוקומען צו מסיים זיין די מסכתא. וויפיל שבח והודאה דארף א יוד געבן, אז איך בין געבוירען געווארן אין א חשוב'ע שטוב, ווי מיינע חשוב'ע עלטערן האבן מיך מחנך געווען צו תורה. דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן איך בין געגאנגען אין א ערליכן חדר, איך בין נתחנך געווארן קודם אויף עברי, און נאכדעם אויף חומש, און נאכדעם אויף משניות, און נאכדעם אויף גמרא. און איך בין אנגעקומען אין א ישיבה, א ערליכע סביבה, און איך האב געקענט לערנען איין יאר, צוויי יאר, דריי יאר, איינער פיר, און איינער פינף, און איינער זעקס יאר, און איך האלט שוין ב"ה דא וואו איך בין! די הודאה וואס א יוד גיט, גיט ער נישט די הודאה אויף יעצט, אז אונז האב מיר געענדיגט דעם זמן. דאנק דעם אייבערשטען אויף די אלע יארן וואס ער האט דיר צוגעברענגט, ביז דו ביסט צוגעקומען צו דעם מצב.**

**מען** האט פריער געהערט אז ביי א סיום מסכתא דאנקט מען נישט דעם אייבערשטען נאר אויפן סיום, מען דאנקט אויך אויף די אלע שוועריקייטן וואס מען האט געהאט ביז מען איז אנגעקומען צום סיום. **א יוד דארף געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען אויף אלע זמנים וואס דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, ב"ה אז איך געפין זיך אין א סביבה של תורה. וויפיל איז דא וואס האבן**

**נישט זוכה געווען דערצו, וויפיל איז דא וואס זענען פארפאלען געווארן, וויפיל זענען פארפאלן געווארן ביי די דרייצן יאר, און וויפיל ביי די פערצן, און ביי די פופצן, און ביי די זעכצן, און כל שכן ווען מען איז עלטער. וואס זייער פלאץ איז נישט דא, און זיי דרייען זיך ארום אויף די גאסן, אן א סיפוק, אן א חיות אין זייער לעבן. און אונז האט דער אייבערשטער געהאלפן, אז מיר זענען בני תורה, מיר זענען אויסגעוואקסן דא, מיר זענען צוגעקומען דערצו!** דער וענית ואמרת הייבט זיך נישט אן ביי די ביכורים וואס מען ברענגט, נאר פון ארמי אובד אבי. ווען א מענטש גייט אדורך אזויפיל נסיונות, לבן האט אונז געוואלט מאבד זיין, מצרים האט אונז געוואלט מאבד זיין, און מיר זענען דא! אונז ברענג מיר פרי האדמה.

*

**איך** האב געזעהן באשריבן פון א יוד אין ארץ ישראל, וואס האט אסאך אויפגעטון פאר שוואכע יודען זיי מקרב צו זיין צו יודישקייט. ער האט אויפגעשטעלט מוסדות פאר בעלי תשובה, וואס איז שטארק נפוץ אין ארץ ישראל, און ער האט זייער אסאך אויפגעטון פאר תורה. אין זיין ישיבה פלעגן אריינקומען האלבע גוים האלבע יודען, וואס האבן נישט געוואוסט קיין סאך פון יודישקייט, און צוביסלעך האט מען זיי אויסגעלערנט יודישקייט דארט אין די ישיבה. א טייל זענען געבליבן, א טייל זענען אוועקגעגאנגען, א טייל האבן זיך געקענט צוגעוואוינען, א טייל האבן זיך נישט געקענט צוגעוואוינען, ער האט געהאט אלע סארט.

**האט** ער פארציילט, אז עס איז אמאל אריינגעקומען צו אים א בחור, וואס איז געווען א בעל כשרון, און ער איז געזעסן א פאר חדשים ביי אים אין די ישיבה, און ער האט שטארק מצליח געווען, ער האט גרויס הנאה געהאט פון אים. נאך א שטיק א צייט קומט דער בחור אריין צום ראש ישיבה, און ער זאגט אים, איך האב מחליט געווען אז די ישיבה איז נישט פאר מיר, עס איז צו שווער די גאנצע סיסטעם דא, איך וויל זיך געזעגענען, איך וויל צוריקגיין פון וואו איך בין געקומען. איך האב אבער נישט קיין געלט אהיים צו פארן, צו דער ראש ישיבה קען מיר אויסלייגן דאס געלט, אז איך זאל קענען אהיים פארן. זאגט ער, אוודאי, דו ווילסט נישט בלייבן דא, מען צווינגט קיינעם נישט. איך בין דיר גרייט צו געבן דאס געלט, דא האסטו וויפיל דו דארפסט פאר שפעזן, און ער האט אים אהין געגעבן דאס געלט.

**ווען** ער האלט ביים אוועקגיין, זאגט אים דער ראש ישיבה, הער מיך אויס, פון דא ביז דער באס וואס דו דארפסט פארן, איז א וועג צו גיין פופצן צוואנציג מינוט, איך האב דיר געוואלט געבן עפעס מחשבה צו טראכטן אין די צייט וואס דו גייסט אויף דעם וועג. טראכט איבער, אז דער שריט וואס דו גייסט יעצט טון, איז נישט אז דו ביסט אוועקגעגאנגען יעצט פון ישיבה אויף א טאג צוויי, און דו ביסט אהיימגעגאנגען. נאר דיין גאנץ לעבן שפעטער ווענדט זיך אין דעם וועג וואו דו גייסט יעצט! די החלטה וואס דו מאכסט יעצט, דאס איז א טויש אין דיין לעבן. קוק ווי אזוי דיינע חברים אין ישיבה זענען אויסגעוואקסן, ווי איידל זיי זענען, ווי אזוי זיי פירן זיך, ווי אזוי זיי האבן שפעטער חתונה, ווי אזוי זיי האבן שפעטער ערליכע יודישע שטובער, קינדער, אייניקלעך, אור אייניקלעך וכדומה. און קוק אן דיינע אלטע חברים וואס דו האסט געהאט פריער, קוק ווי אזוי זיי זעהן אויס, קוק ווי זיי לעבן אן א סיפוק, אן קיין חיות. קוק ווי זיי זענען עלנד אליין, און זיי זוכן איינער זאל זיך צוטשעפענען צו זיי, זיי זאלן האבן מיט וועם צו שמועסן. קוק ווי אזוי זיי וואקסן אויף שפעטער, נישט קיין קינדער, נישט קיין אייניקלעך. און אז יא, איז מען צוקריגט. און מען לעבט ווי גנבים און גזלנים, ווי פראסטע מענטשן. דער וועג וואס דו גייסט יעצט ביז צום באס, איז אן החלטה פאר דיר, צו דו גייסט רעכטס צו דו גייסט לינקס. טראכט אריין צו עס איז כדאי צו מאכן דיר דעם טויש. יענער איז אוועקגעגאנגען, און ער איז דאך געווען א בעל כשרון, האט ער אנגעהויבן צו מאכן א חשבון הנפש וואס ער גייט אדורך, און זעלבסט פארשטענדליך אז ער האט מחליט געווען, אז ער קומט צוריק אין ישיבה, און ער איז שפעטער אויסגעוואקסן א געוואלדיגער תלמיד חכם, און א מרביץ תורה.

**דעם** וענית ואמרת, וואס אונז דארפן מיר דאנקן דעם אייבערשטען, איז נישט גענוג צו דאנקן אז מיר זענען דא אין די ישיבה יעצט, דעם יאר האבן מיר מצליח געווען. נאר אונז דארף מיר דאנקן, אז אונז האב מיר נישט אויסגעקליבן דעם וועג ווי יענער

האט געוואלט אויסקלויבן. ווען א בחור איז מחליט אין ישיבה וואס זיין עתיד איז, איז עס נישט קיין זאך וואס איז נוגע פאר יעצט, צו פארן קומענדיגן זמן, צו פאר נאך א יאר. עס איז נוגע פאר זיין גאנץ לעבן! ווי אזוי גיי איך אויפוואקסן? ווען איך וועל אויסוואקסן א תלמיד חכם, וועט מיין שידוך זיין אן אנדערער שידוך, איך וועל אויפשטעלן א אנדערע שטוב. מיינע גאנצע זיבעציג יאר שפעטער, וועט זיין אנדערש. אז דו ביסט מחליט איבערצולאזן די ישיבה, דו ביסט פריי, דו קענסט גיין, מען צווינגט קיינעם נישט, בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו (מכות י:), עס איז דא א בחירה צו גיין. אבער די החלטה צו טראכטן, וואו איך וועל אנקומען נאכדעם, די החלטה איז תלוי יעצט. עס איז נישט קיין החלטה פון מצליח זיין נאך א זמן, עס איז אן החלטה צו איך וועל מצליח זיין 'אייביג', צו איך וועל פארלירן 'אייביג'.

**און** אונז דארף מיר דאנקען דעם אייבערשטען, וענית ואמרת, זיי נישט קיין כפוי טובה. **דאנק דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט מיר געהאלפן, אז איך זיץ אין ישיבה, און איך בין ב"ה מצליח. יעדער ווייסט, אז דער אויר דא אין די ישיבה איז א פריינטליכער אויר, עס איז א אויר פון אהבה ואחוה ושלום וריעות, אן קיין מחלוקת, אן קיין קריגערייען, איינער פרובירט צו העלפן מהנה זיין דעם צווייטן. אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, אז אונז געפון מיר זיך אין א מקום תורה,** אונז געפון מיר זיך נישט דארט ווי אנדערע געפונען זיך. און מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען נישט נאר אויף דעם, הייב אן פון ארמי אבד אבי, וירד מצרימה, אלעס וואס דו ביסט אדורכגעגאנגען ביז מען געפונט זיך דא. און וויסן אז דאס איז נישט פאר אונזער עבר אליין, נאר אונזער גאנצער עתיד איז תלוי אין די יארן וואס מען געפונט זיך אין די ישיבה.

*

**עס** איז א שמחה אז מען האט געענדיגט, אבער מען האט כמה פעמים גערעדט, **עס קומט יעצט בין הזמנים, עס איז א שווערער זמן, א זמן פון א נסיון פאר יעדן איינעם. תיכף ווען מען טרעט ארויס פון די פיר ווענט דא, הייבט זיך אן דער נסיון. ער ווארט שוין ביים ברוקלין ברידזש, צו ביים וויליאמסבורג ברידזש, ער שטייט שוין מיט זיין מיליטער, און ער ווארט אונז זאל מיר אנקומען אהין, און ער האט שוין פאר יעדן איינעם זיינע דירעקשענ"ס וואו ער זאל גיין, וואו ער וויל אים פירן. און וואויל איז דער וואס האט שכל, עס איז נישט ער האט דיר אוועקגעפירט יעצט דעם בין הזמנים אויף א טאג, אויף צוויי טאג, אויף א שעה, אויף פינף מינוט, נאר ער פירט דיך אוועק פון דיין גאנץ לעבן. און יעצט ווען מען גייט אריין אין די שטאט, איז די צייט צו מאכען די החלטה ווי אזוי מיין בין הזמנים וועט אויסקוקן, וואו וועל איך אנקומען, ווי אזוי וועל איך אויסזעהן נאך מיין בין הזמנים.**

**מען** האט געהאט ב"ה זייער א שיינעם זומער, **ווען א בחור פארט אריין אין שטאט, דארף ער פרובירן צו האבן דעם זעלבן סדר היום ווי ער האט געהאט דא אין קעמפ. עס איז דאך סליחות, מען דארף ממילא אויפשטיין פרי, איך גיי אויפשטיין יעדן טאג אין די זעלבע צייט וואס איך בין אויפגעשטאנען דא. איך גיי לערנען פארן דאווענען אזוי ווי איך האב געלערנט דא, מיין דאווענען וועט אויסקוקן אזוי ווי עס איז געווען אין ישיבה, איך וועל מיך נישט מיטכאפן מיט א מנין און אפמאלען דאס דאווענען. איך וועל דאווענען מלה במלה אזוי ווי איך בין געווען צוגעוואוינט. פארמיטאג וועל איך זיצן אין בית המדרש, און נאכמיטאג וועל איך זיצן אין בית המדרש. איך קען טאקע לערנען וואס איך וויל, עס איז אן א עול, אן א משגיח, אבער איך גיי נאכטון די זעלבע. וואס איך האב געטון יעצט מיט אן עול, גיי איך טון אן א עול. דעמאלטס וועט ער מצליח זיין! ער וועט האבן א ערליכען בין הזמנים, ער וועט האבן ערליכע הייליגע טעג, און אז מען האט שיינע הייליגע טעג, האט מען נאכדעם דאס גאנצע יאר.** יעצט דארף זיין די החלטה, ווי אזוי עס גייט זיין מיין סדר היום ווען איך קום אריין אין די שטאט.

**שבת.** **מיר האבן אלע געהאט שיינע שבתים דא אין קעמפ, מבואו ועד צאתו. פון ווען דער שבת איז אריינגעקומען, האט מען געלעבט אין א אנדערע אטמאספער פון די גאנצע וואך. די וואך איז אויך געווען הייליג, אבער דער שבת איז געווען קודש קדשים. ווי אזוי מען האט גדאווענט שבת, און מען האט געזינגען לכה דודי, ווי אזוי עס איז געווען די זמירות שבת ביים טיש, ווי אזוי דאס עסן איז געווען, ווי אזוי די באטע נאכדעם איז געווען, ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט א שלש סעודות, און ווי אזוי עס**

האט אויסגעקוקט א מלוה מלכה, דאס אלעס דארף מען פרובירן נאכצומאכן אינדערהיים, אפילו מען האט נישט די גאנצע ארום און ארום אזוי ווי מען האט דא. מען דארף דאווענען שבת הויעך, מיט א חשק, מלה במלה. ווען עס קומט צו זינגען לכה דודי, שטייט מען נישט ווי א גולם, יענער זאל זינגען, און איך וועל אויסהערן וואס מען זינגט, נאר מען זינגט מיט. מען קומט אהיים, און מען מאכט קידוש אין שטוב, זינגען זמירות. אז מען קען זינגען דא, קען מען זינגען אינדערהיים אויך, עס איז נישט קיין חילוק צו דער טאטע זינגט, צו דער ברודער זינגט, צו מען זינגט נישט, ער קען אריינברענגען דעם שבת און דערהויבענקייט אין דעם שטוב מיטן זינגען. - ווען עס קומט שלש סעודות, עס איז א זמן פון א דערהויבענקייט פאר יעדן איינעם. זיך אויסקלויבן א פלאץ וואו ער וועט קענען נתעלה ווערן אין די צייט פון שלש סעודות, וואו ער וועט הערן דברי תורה, וואו ער וועט הערן מוסר, און ער זאל מיטזינגען די זמירות פון שבת.

**די** בחורים וואס זענען אין וויליאמסבורג, וואלט איך מציע געווען, אז זיי זאלן מיטהאלטן דאס דאווענען ביי אונז אין שול, מיט מיין מנין. אזוי ווי מיר האבן געדאווענט דא צוזאמען, מען דאווענט שטאט מלה במלה, קען מען מיטהאלטן אין שטאט אויך. ווען עס קומט שבת, שלש סעודות, אז מען קען קומען זאל מען קומען. און נישט נאר אויסהערן די דברי תורה, און זיך ארומדרייען ביז די דברי תורה, נאר שטיין אויף איין פלאץ און זינגען זמירות פארן אייבערשטען. אזוי ווי מען האט זיך געפירט אין ישיבה, אזוי דארף מען זיך פירן שפעטער אויך.

**די** וואס וואוינען אויסער וויליאמסבורג. אין יעדן מקום איז דא קבוצות וואו מען פירט זיך אויף דערהויבן שבת. זוכן זיך צוצושטעפענען צו אזא קבוצה. זוכן צו זיין שלש סעודות אויף א פלאץ וואו מען זינגט, און מען הערט דברי תורה, און נישט אפגעגעסן שלש סעודות, און קוקן אויפן זייגער ווען עס איז דער זמן, און מען קען שוין ארויסגיין פון בית המדרש.

**מען** דארף איינפאקן די קדושה וואס אונז האב מיר געהאט דא, די וואכן טעג, און דעם שבת, און מיטנעמען מיט זיך. איך גיי זיך פירן גאנץ בין הזמנים, אזוי ווי איך האב זיך געפירט אין ישיבה. דו וועסט דאנקבאר זיין, ווען עס וועט אדורכגיין דער בין הזמנים, און דו וועסט זעהן אז דו האסט מצליח געווען. אז דו האסט זיך געפירט אזוי, וועסטו מכיר טובה זיין אויף וואס מען האט דיר מייעץ געווען.

*

**ענית** ואמרת, זאגט רש"י, שאינך כפוי טובה. בחורים דארפן אויך מכיר טובה זיין. עס איז נישט אנגעקומען גרינג אהערצושטעלן פאר די בחורים אלעס וואס מען שטעלט זיי צו. זיי לעבן ווי בני מלכים, עסן, טרינקן, שלאפן, בהרחבה, עס פעלט זיי קיינמאל גארנישט, דאס איז גשמיות. מען שטעלט זיי צו רוחניות, יעדע מינוט פונעם טאג איז ער ארומגענומען מיט איינעם וואס זאל אים קענען מדריך זיין אויף דרכי התורה. עטץ זענטס שולדיג אסאך הכרת הטוב פאר ענקערע מגידי שיעור, פאר די משגיחים, יא פאר די וואס האבן ענק געטריבן זענט עטץ שולדיג אן הכרת הטוב, אז מען האט ענק נישט געלאזט פארדזשאוועט ווערן, און מען האט פארלאנגט פון ענק אז מען זאל אויסנוצן די צייט צו לערנען. א גוטע טאטע מאמע איז נישט די טאטע מאמע וואס לאזט א קינד טון אלעס וואס ער וויל. א גוטע טאטע מאמע איז ווען ער גיט אמאל א פאטש פארן קינד, ווען עס קומט זיך אים, דאס איז א גוטע טאטע מאמע. עטץ זענטס שולדיג א הכרת הטוב פאר די מגידי שיעורים וואס געבן זיך אפ מיט יעדן בחור עקסטער, וואס מען האט ענק צוגעברענגט אז מען האט געקענט ענדיגן די מסכתא. וויפיל הכרת הטוב קומט פון ענק פאר די מגידי שיעור וואס האבן ענק געהאלפן. אפילו מען גייט ארויס פון דעם מגיד שיעור, מען גייט יעצט אריין צו א צווייטן מגיד שיעור, דארפן מען שטענדיג געדענקען אלע וואס האבן דיך צוגעהאלפן פון יאר צו יאר! מען דארף האבן הכרת הטוב פאר דיין רבי אין חדר אויך, פאר די פעטש אויך, כל שכן ווען מען רעדט פון גרעסערע בחורים, וואס מען לייגט זיך מער אריין זיי ארויסצוהעלפן.

**דאס** איז דער וענית ואמרת, שאינך כפוי טובה! זיי נישט קיין כפוי טובה! וויסן אז מען האט דיר געהאלפן, מען פרובירט דיר צו העלפן, מען פרובירט צופרידנשטעלן א בחור דאס מערסטע וואס מען קען. די צוויי מנהלים דא, איך האב נישט גענוג

ווערטער צו זאגן וויפיל קאפ און מוח עס ווערט אריינגעלייגט פאר יעדן בחור עקסטער, ווי אזוי מען זאל אים קענען דערהייבן. און עטץ זענטס שולדיג די הכרת הטוב דערויף. - און מיר אלע זענען שולדיג אן הכרת הטוב פארן רבונו של עולם! אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, אז אונז געפון מיר זיך דא אין בית המדרש. אונז זיץ מיר צוזאמען און מען לערנט, פון צופרי ביז ביינאכט דינט מען דעם אייבערשטען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אונז זאל מיר קענען ווייטער ממשיך זיין, און זיצן צוזאמען עוסק זיין בתורה, און דינען דעם אייבערשטען. עס קומט דאך א נייע יאר, מען דארף אסאך מתפלל זיין אין די הייליגע טעג. דאס גאנצע יאר ווערט יעצט אנגעשריבן, כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה עד ראש השנה, אלעס איז אנגעשריבן, מי יחיה, און אזוי ווייטער. מען בעהט עס זאל אנקומען גרינג, מי ישקט, ומי ישלו, מי יתיסר, ווער עס דארף זיך פלאגן, מי יעני, ומי יעשר, מי ישפל, ומי ירום, אלעס איז אנגעשריבן אין די טעג. יעצט דארף מען מתפלל זיין, און בעטן אויף די הצלחה פונעם קומענדיגן יאר. פון סליחות ביז נאך עשרת ימי תשובה, יום הקדוש, דארפן זיין טעג וואס איז מוקדש פאר תפלה. דאווענען איז נישט טייטש מען האט אפגעזאגט די ווערטער וואס עס שטייט אין סידור, נאר דאווענען מיט כוונה, מלה במלה, דאווענען הויעך, שטיין אויף איין פלאץ. אזוי ווי א מענטש בעהט עפעס פון א צווייטן ווען ער דארף האבן פון יענעם א טובה, אזוי דארף מיר אונז בעטן פונעם אייבערשטען. דער באשעפער איז א שומע תפלה, ער הערט צו יעדע תפלה וואס א יוד איז מתפלל. ווי מער מען איז מתפלל, קען מען אלץ מער געהאלפן ווערן. זאל מען אויסנוצן די טעג פאר תורה און עבודה און יראת שמים. דער אייבערשטער זאל אונז בענטשן מיט א גוט געבענטשט יאר, א פריילך יאר, און א לוסטיג יאר, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום רביעי פרשת כי תבא</u>***

בשעות אחר הצהרים חזר **רבינו שליט"א** למעון קדשו בוויליאמסבורג, אחר ששהה במשך ימי הקיץ בקרב תלמידי ישיבתנו הק' במחנה מתיבתא נחלת יעקב. - באמצע הדרך עצר **רבינו שליט"א** במאנסי לבקר אצל הר"ר **יודא בינער** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לסטעטן איילענד והשתתף אצל השבע ברכות של בת ש"ב **הרה"ג רבי חיים יהודא פאללאק שליט"א** רב דקהל איגוד אברכים דגרויסווארדיין (בן גיסו הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי משה שמעון וואזנער שליט"א** רב דק"ק שאטו פארק (לעיקוואד), שהתקיים בבית המדרש גרויסווארדיין. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר השבע ברכות חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **אברהם צבי אדלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה זלמן ברילל** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת כי תבא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והתפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה החדש '**אוצר התורה**' דקהלתינו הק' במאנסי. אחר תפלת מנחה השמיע **רבינו שליט"א** דברי פתיחה להתחלת הזמן. אחר כך עברו תלמידי הישיבה לקבל ברכת הקודש.

***<u>וזה תוכן הדברות קודש:</u>***

**איך** וויל קודם באגריסן די חשובע בחורים וואס האבן אנגעהויבן צו לערנען יעצט אין די ישיבה. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה, עטץ זאלטס אויסוואקסן תלמידי חכמים און ערליכע יודען.

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן מיט די מצוה פון ביכורים. אלע קענען מיר די רש"י (בראשית א-א), בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, בשביל התורה שנקראת ראשית, אין דעם זכות וואס יודען וועלן לערנען תורה, און האלטן די תורה, איז געוווען בריאת העולם. ובשביל ישראל שנקראו ראשית, יודען ווערן אויך אנגערופן ראשית. אין זכות פון יודען וואס וועלן זיין אויף די וועלט, האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט. דער מדרש (ב"ר א-ד) זאגט א

צווייטן פשט, אז בראשית גייט ארויף אויף די מצוה פון ביכורים וואס ווערט אנגערופן ראשית, ראשית ביכורי אדמתך (שמות כג-יט). בראשית, אין זכות פון די מצוה פון ביכורים, ברא אלקים את השמים ואת הארץ, האט דער אייבערשטער באשאפן שמים וארץ. יעדע מצוה אין די תורה איז חשוב, און מען הייבט אויף איין מצוה, און מען זאגט, אז וועגן די מצוה האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט. וואס ליגט אין די מצוה פון ביכורים מער ווי אין אלע אנדערע מצות, אז די מצוה איז אזוי חשוב אז פארדעם האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט.

**דער** ביאור דערפון שטייט אין הייליגע ספרים. יעדער מענטש ווי אזוי ער הייבט אן, אזוי איז ער מצליח שפעטער. יעדע זאך אז מען הייבט אן גוט, מען הייבט אן צוגיין אויף א גוטן וועג, איז מען מצליח, און מען גייט שפעטער אויך אויף דעם וועג. אז מען הייבט אן נישט גוט, ענדיגט זיך עס נישט גוט. וועגן דעם דארף א מענטש אכט געבן שטענדיג, אז דער ראשית זאל זיין ביי אים אויף די העכסטע מדריגה וואס איז שייך.

**דער** ראשית האט אסאך כללים דערין. ווען מען הייבט אן צו לערנען תורה ביי די דריי יאר, צו ביי די פינף יאר, דאס איז איין ראשית. אבער דאס איז נאר א קליינער ראשית, ווייל א קינד קען נאכנישט קיין סאך. ווען ער ווערט בר מצוה, ער קומט אריין לעול המצות, מען הייבט אן די יוגענט יארן. די יוגענט יארן וואס מען האט, דאס איז דער ראשית פונעם גאנצן לעבן. **די פאר יאר, פון דער בר מצוה ביז מען האט חתונה, אין דעם ווענדט זיך דאס גאנצע לעבן שפעטער, ווי אזוי מען ווערט אויסגעשטעלט. האט מען שכל, און מען נוצט אויס די טעג צו תורה און עבודת ה', וואקסט מען אויס א בחור א תלמיד חכם, אן ערליכער יוד, און זיין גאנצע לעבן שפעטער, ווען ער דארף אויפשטעלן א שטוב, איז עס אסאך אנדערש.**

**ווען** איינער פארפאסט דעם ראשית, ער וויל זיך נישט אוועקגעבן פאר תורה, ער איז נישט גרייט אלעס מפקיר צו זיין כדי צו שטייגן אין תורה. איז נישט נאר אז ער האט פארלוירן די יאר, צו די צוויי יאר, צו די דריי יאר, וואס ער האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין. נאר ער האט פארלוירן זיין גאנץ לעבן שפעטער! ווייל אז ער האט פארלוירן דעם ראשית, ער האט פארלוירן די יונגע יארן, האט ער אלעס פארלוירן. די גמרא (שבת כא:) זאגט, אז גירסא דינקותא, דאס וואס מען לערנט אין די יוגענט, דאס בלייבט אויף שטענדיג, דאס ווערט קיינמאל נישט פארגעסן. ווען מען לערנט אויף די עלטער, געדענקט מען אמאל א טאג, אמאל א וואך, אמאל א חודש, אבער דער כח הזכרון איז שוין נישט אזוי שטארק. וואס מען טוט אין די יונגע יארן, דאס בלייבט אויף אייביג.

**דאס** איז די מצוה פון ראשית. ראשית פון ביכורים, א יוד האט זוכה געווען, דער אייבערשטער האט אים געגעבן זיינע ערשטע פירות, דאס איז ער מקדיש פארן אייבערשטען, ער נעמט די ערשטע פרי און ער לייגט ארויף דערויף א גמי, ווי רש"י זאגט, און דאס איז קודש לה', דאס גייט ער ארויפטראגן ביכורים פארן באשעפער. מיין ראשית ארבעט פון די פעלד, איז פארן אייבערשטען.

**און** די זעלבע דארף זיין יעדן טאג, יעדער טאג האט אויך א ראשית. ווי אזוי מען שטייט אויף, און מען הייבט אן דעם טאג, אזוי ענדיגט זיך דער טאג. שטייט מען אויף מיט א חשק צו תורה און עבודת ה', יתגבר כארי לעבודת הבורא, און ער רעדט נישט פארן דאווענען, און ער שטעלט זיך דאווענען ערליך, האט ער אנגעהויבן דעם טאג ערליך, און דער גאנצער טאג גייט נאכדעם אזוי. ווען מען הייבט אן דעם אנהייב פונעם טאג נישט אויפן ריכטיגן וועג, איז דער גאנצער טאג נאכדעם אויך אזוי.

**עס** קומט דער ראשית השנה, עס קומט ראש השנה, אונז ווייס מיר דאך אז אלעס ווערט אנגעשריבן ראש השנה אויף א גאנץ יאר. אז מען נוצט אויס די הייליגע טעג אויף תפלה, צו דאווענען צום אייבערשטען. מען גרייט זיך צו חודש אלול, ווי אזוי עס וועט אויסקוקן די הייליגע טעג, דער ראשית טוט משפיע זיין אויף דעם גאנצען יאר שפעטער. און דאס האט אונז דער אייבערשטער געלערנט ביי די מצוה פון ביכורים, אז א יוד דארף מקדיש זיין דעם ראשית פארן אייבערשטען.

**בראשית** ברא אלקים את השמים ואת הארץ, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די מצוה פון

ביכורים, אז דו זאלסט זיך אראפלערנען פון די מצוה פון ביכורים ווי אזוי א מענטש דארף מקדש זיין דעם ראשית. אז דו ווערסט זיך אראפלערנען פון די ביכורים, און דו וועסט אייביג מקדש זיין דיין ראשית, דיין אנהייב פונעם טאג וועט זיין קודש לה', די אנהייב פון די וואך וועט זיין קודש לה', די אנהייב פון יאר וועט זיין הייליג, דיינע יונגע יארן, די ראשית פון דיין לעבן, וועסטו מצליח זיין. בראשית, די מצוה וואס אונז לערנען מיר זיך אראפ פון ביכורים, וואס דארט האט מען געוויזן די חשיבות פונעם ראשית, ברא אלקים את השמים ואת הארץ, דאס איז דער תכלית פון די בריאה. ווייל טאמער עס פעלט דער ראשית, פעלט נאכדעם די שפעטערדיגע יארן אויך.

**דאס** איז בעיקר וויכטיג ווי לאנג מען איז נאך יונג, וויסן די חשיבות פון יעדן טאג וואס מען האט, וואס מען קען זיצן אין בית המדרש, שלא עשינו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות האדמה, מיר זענען נישט ווי די גוים, מיר דרייען זיך נישט ארום ליידיג אויף די גאסן, מיר האבן א זכיה צו זיצן אין בית המדרש און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, דאס בויט דעם מענטש אויף די יארן שפעטער. עס איז א געוואלדיגע חשיבות יעדן טאג וואס מען געפונט זיך אין בית המדרש, און מען דינט דעם אייבערשטען.

*

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז די מצוות פונעם אייבערשטען ווערן אנגערופן חוקים מיט משפטים, היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה ואת המשפטים (דברים כו-טז). וואס איז דער חילוק צווישן חק און משפט? עס איז דא א שיין ווארט אין **פנים יפות** (שם), זאגט ער, חק איז א זאך וואס אונז פארשטייי מיר נישט דעם טעם דערפון. א זאך וואס האט נישט קיין הסבר, ווערט אנגערופן א 'חק'. 'משפט' איז א זאך וואס איז אויסגעהאלטן מיטן שכל, ווען מען טראכט אריין דערין, פארשטייט מען אז עס איז אויסגעהאלטן. איך וועל אנכאפן א משל, פרה אדומה ווערט אנגערופן א חק. פארוואס איז פרה אדומה א חק? ווייל עס איז נישט צו פארשטיין מיטן שכל, ווי אזוי די מצוה ארבעט. איז פרה אדומה א טומאה, צו איז עס א טהרה. פון איין זייט זעהט מען אז פרה אדומה איז מטהר א טומאה פון מתים, איז דאך טייטש אז עס האט אין זיך א געוואלדיגע כח טהרה. נישט נאר אז ער איז טהור, נאר ער קען גאר מטהר זיין אנדערע אויך. א מענטש וואס איז טמא, און מען שפריצט אויף אים פון די פרה אדומה, ווערט ער טהור. ווייזט עס דאך, אז פרה אדומה איז א זאך פון טהרה, ווייל א טומאה קען נישט מטהר זיין. פון די אנדערע זייט ווייסן מיר, אז דער וואס רירט צו צו די אפר פון פרה אדומה, ווער עס מאכט עס, ווערט טמא. עס איז מטהר טמאים, און מטמא טהורים. קען מען עס פארשטיין מיטן שכל? אויב עס איז טהור, ער קען מטהר זיין אנדערע, ווי אזוי קען זיין אז ער איז מטמא אנדערע. די זעלבע זאך קען דאך נישט זיין דער מטהר און דער מטמא. עס איז א חק, עס איז א זאך וואס מען פארשטייט נישט מיטן שכל. מצות אין די תורה וואס אונז פארשטייי מיר יא, ווערט אנגערופן א משפט.

**זאגט** דער הייליגער פנים יפות, ווען א יוד זעצט זיך לערנען תורה, אין די יונגע יארן אוודאי, ווען ער הייבט אן צו לערנען, פארשטייט ער נישט תיכף וואס ער לערנט. רבי מאיר מיט רבי יהודא, רבי מאיר זאגט מען איז חייב, און רבי יהודא זאגט אז מען איז פטור [איך זאג א משל]. פארוואס האלט ער אז מען איז פטור, און פארוואס האלט ער אז מען איז חייב? רבי יהודא זאגט אז עס איז אסור, און רבי שמעון זאגט אז עס איז מותר. פארוואס זאגט ער אסור, און פארוואס זאגט ער מותר. און מען הייבט אן מסביר צו זיין די שטיקעלע גמרא, ער גיט א הסבר דערויף, און מען פארשטייט נישט קלאר פארוואס עס איז אזוי. און די גמרא אליין הייבט אן צו פרעגן קשיות מיט תירוצים, עס זאל זיך אויסגראדן וואס מען לערנט. די התחלה פונעם לערנען, איז א חק, ער פארשטייט גארנישט. אזוי ווי ער הייבט אן, שטעלט ער זיך אפ, איך פארשטייי נישט די רש"י, איך פארשטייי נישט די תוספות, איך פארשטייי נישט תוספות קשיא. ווען ער פארשטייט שוין די קשיא, פארשטייט ער נישט דעם תירוץ. אבער א יוד פלאגט זיך אויף תורה, ביז ער קומט צו אז די תורה ווערט ביי אים פארשטענדליך. לימוד התורה ארבעט אז עס איז חק ומשפט, אין אנהייב איז עס א חק, מען לערנט און מען פארשטייט נישט, און שפעטער פארשטייט מען.

**מען** זאגט אין די הייליגע טעג ביים דאווענען, 'באין מליץ יושר מול מגיד פשע', אויב עס איז נישט דא

קיין מליץ יושר אויבן אין הימל אקעגן די וואס רעדן שלעכטס, 'תגיד ליעקב דבר חק ומשפט'. מען זאגט פארן אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל זאגן, אז יעקב, יודען, זיצן און לערנען תורה, וואס תורה איז 'חק ומשפט', מען לערנט, און מען פלאגט זיך, ביז דער חק ווערט א משפט.

**נאכדעם** זאגט דער פנים יפות, ווערט דער משפט ווייטער א חק. מען פרעגט א קשיא אויף דעם וואס מען האט שוין פריער פארשטאנען, איך פארשטיי שוין ווייטער נישט. ענטפערט מען א תירוץ דערויף, יא יעצט פארשטיי איך עס. אבער נאכדעם פרעגט ער נאך א קשיא דערויף, איך פארשטיי שוין ווייטער נישט, עס איז ווייטער א חק. די תורה איז איבערגעגעבן געווארן פאר אונז חקים ומשפטים, מען פלאגט זיך אויף תורה, ביז עס ווערט אויסגעקלארט. און שפעטער ווען מען לערנט, און מען וואקסט אויס א תלמיד חכם, הייבט מען אן צו פארשטיין ווי אזוי די תורה איז אויסגערעכענט מיט יעדן פרט וואס איז דא אין די הלכות התורה. און דאס טוט דער אייבערשטער געדענקען פאר אונז, תגיד ליעקב 'דבר' חק ומשפט, מיר האבן א 'דבר', א תורה, וואס אונז פלאג מיר זיך דערויף, עס הייבט זיך אן מיט א 'חק', און עס ענדיגט זיך מיט א 'משפט'.

**מען** דארף נישט צובראכן ווערן, ווען עס גייט אמאל אדורך און מען פארשטייט נישט וואס מען האט געלערנט. יא, אזוי גייט תורה, מען פארשטייט נישט תיכף אויף די מינוט אלעס וואס מען לערנט, מען הייבט אבער אן מיט א חק, און נאכדעם ענדיגט זיך עס, און מען הייבט אן פארשטיין וואס מען האט געלערנט, און אזוי וואקסט מען אויס א תלמיד חכם. מען לערנט איין בלאט און נאך א בלאט, די תורה טוט אויסשארפן דעם קאפ, און מיט יעדע וואך וואס ער לערנט, הייבט ער אן צו פארשטיין בעסער און בעסער די תורה וואס מען לערנט.

*

**בחורים** אין ישיבה זיצען מיט א חברותא צוזאמען. אוודאי איז דער עיקר תורה. אבער עס איז דא תורה, און עס איז דא עבודה, זו תפלה, וואס צו דעם דארף מען האבן א גאנצן ציבור אז מען זאל קענען דאווענען. ווען מען דאווענט הויעך, און מען דאווענט מיטן קול, איז עס מעורר די כוונה פאר זיך, און עס איז מעורר די כוונה פאר אנדערע. די וואך אין די פרשה, ווען מען האט געברענגט די ביכורים, האט ער געדארפט ליינען די פרשה פון ביכורים מיט א הויך קול. וענית ואמרת, זאגט רש"י (דברים כו-ה), לשון הרמת קול, ער זאל עס זאגן הויעך, און נישט שטיל. ווען ער זאגט די הודאה וואס ער האט צו דאנקען פארן אייבערשטען, זאל ער עס זאגן הויך. די הויכקייט וואס מען זאגט, ברענגט אריין אין אים, אז ער זאל מכוון זיין אין די ווערטער וואס ער זאגט. און עס טוט מעורר זיין אלע ארומיגע, צו געבן אן הודאה פארן אייבערשטען.

**אבער א גרויס דגוש איז די חברותא, גוטע חברים, און זיין באמת'דיג א חבר פארן צווייטן, און ארויסהעלפן איינער פארן אנדערן מיט וואס מען קען, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות. אין גשמיות פארשטייט יעדער איינער, אויב דער חבר האט נישט עפעס, דארף ער אים צוגרייטן פרישטיג צו לאנטש וכדומה, צו אנדערע זאכן וואס עס קוועטשט אים, און מען העלפט אים ארויס. עס איז אויך שייך אין רוחניות, צו לערנען מיט א צווייטן. אמאל איז דא וואס דער אייבערשטער האט געבענטשט איינעם, אז ער איז א בעל כשרון מער ווי דער אנדערער, ער פארשטייט מער פון א צווייטן. ער האט שוין געענדיגט, ער פארשטייט שוין וואס מען האט געלערנט, דארף ער אוועקגעבן צייט צו לערנען מיט א שוואכערן, און אים ארויסהעלפן. דאס איז א חלק פון גמילת חסדים, ארויסצוהעלפן איינער דעם אנדערן מיט וואס מען קען.** ואהבת לרעך כמוך (ויקרא יט-יח), זה כלל גדול בתורה (ירושלמי נדרים ט-ד). ואהבת לרעך כמוך איז נישט נאר א כלל גדול אין גמילת חסדים, עס איז א כלל גדול 'בתורה', אין תורה דארף אויך זיין ואהבת לרעך כמוך. אויב דו וואלסט נישט פארשטאנען, און מען זאגט דיר דעם פשט אז דו זאלסט עס פארשטיין, וואלסטו געהאט א הנאה און א שמחה, געב אויך דעם געפיל פאר דיין חבר.

**מען** ווייסט אז כלל ישראל איז צוגעגליכן צו א קומה שלימה, אזוי ווי א גאנצער גוף. א גוף פון א מענטש האט פארשידענע אברים, עס האט אויגן וואס זעהן, און עס האט אויערן וואס הערן, א מויל וואס רעדט, הענט וואס טוען וואס מען דארף, פוס וואס קענען גיין. כלל ישראל איז אויך זייער קאלירפול, יעדער איינער האט אנדערע מעלות, יעדער איינער האט

אין זיך א געוויסע מעלה וואס דער חבר האט נישט. דער האט די מעלה, דער האט די צווייטע מעלה, און צוזאמען ווערט צוזאמגעשטעלט די שיינקייט פון יודען. און זיי ווערן אנגערופן אז זיי זענען אזוי ווי א גוף אחד, זיי זענען איינס, אזוי ווי דער גוף איז איינס. די אויגן טוען טאקע זייער ארבעט, און די אויערן טוען זייער ארבעט, יעדער אבר טוט וואס ער דארף צו טון, אבער עס איז מיט אן אחדות צוזאמען, עס איז נישט אפגעטיילט איינער פונעם צווייטן.

**מען** געפינט ביי יום טוב סוכות, אז מען דארף נעמען די ד' מינים. די ד' מינים שטייט אין מדרש (ויק"ר ל-יב), אז די אתרוג ווייזט אויף דעם גאר חשובן יוד, וואס האט א טעם און ער האט ריח. דער לולב ווייזט אויף איינעם וואס האט נאר א טעם אן א ריח. דער הדס האט נאר א ריח און נישט קיין טעם. די ערבה האט קיין איינס נישט, נישט קיין טעם און נישט קיין ריח. און דער אייבערשטער זאגט, נעם עס צוזאמען, מען זאל נעמען אלע פיר מינים, גאנץ כלל ישראל, ושמחתם לפני ה' אלקיכם.

**עס** איז דא א מחלוקת אין די גמרא (סוכה יא.), צו לולב צריך אגד צו נישט. צו מען דארף עס ארומבינדן, אזוי ווי מיר פירן זיך, אז מען בינדט ארום די דריי מינים צוזאמען, צו מען קען עס נעמען לויזערהייט אויך. על פי עיקר הדין פסק'נען מיר, אז לולב אין צריך אגד, מען קען נעמען די מינים עקסטער אויך, מען מוז עס נישט צוזאמבינדן. אבער א הידור מצוה איז דא, ווען עס האט א אגד אויף זיך, אלעס איז צוזאמגעבינדן. וואס איז דער חילוק, וואס טוט אויף דער איגוד, אז מען זאגט אז דער איגוד איז א הידור מצוה? איך האב דאך געגנומען די פיר מינים צוזאמען, וואס איז א נפקא מינה צו איך האב ארויפגעלייגט דעם בענדל, צו דעם קשר דערויף, און איך האב עס צוזאמגעבינדן צוזאמען.

**דער** חילוק איז אזוי, די פיר מינים איז יעדעס איינע א אנדערע מדריגה, ווי מען האט פריער גערעדט. זיי זענען טאקע צוזאמען, אבער אין א מינוט ארום קען מען עס צוטיילן. דער גייט אויף די זייט, און דאס לייגסטו אויף יענע זייט. דער אתרוג טיילט זיך אפ, דער לולב טיילט זיך אפ, איך וויל נישט זיין א חבר מיט אים, איך וויל נישט זיין צוזאמען. יעצט איז מען צוזאמען, אבער עס איז נישט געווארן קיין קשר צוזאמען. ווען דו נעמסט א איגוד, און דו טוסט עס ארומבינדן, זענען זיי געווארן איינס, איינער קען נישט אוועקגיין פונעם צווייטן. ווי דער וועט גיין, וועט דער צווייטער גיין, ווי דער צווייטער וועט גיין, וועט דער ערשטער גיין, עס איז געווארן א חתיכה אחת, עס איז געווארן איינס.

**כלל** ישראל דארף זיין ואהבת לרעך כמוך, עס דארף זיין א חברותא צווישן איין יוד און דעם אנדערן יוד צוזאמען. אמאל איז דא א חברותא, וואס יעצט בין א חבר מיט אים, אבער אין א שעה ארום גיי איך אוועק, איך האב נישט מיט אים קיין שייכות. כלל ישראל האט די תורה געוויזן דארף האבן א איגוד, מען דארף זיין צוזאמגעבינדן, נישט זיך קענען אפטיילן איינער פונעם אנדערן. אפילו ווען מיר פסק'נען אז אין צריך אגד, אבער הידור מצוה, די שיינקייט איז, ווען מען איז אזוי צוגעבינדן צום חבר, אז מען קען זיך נישט אפטיילן. אזוי ווי דער גוף פונעם מענטש, וואס די אויגן טוט איין ארבעט, און די הענט טוט א צווייטע ארבעט, און די פוס א דריטע ארבעט, אבער עס קען זיך נישט אפטיילן איינער פונעם צווייטן, עס איז איין מענטש, עס איז אלעס מחובר צוזאמען. אזוי דארף זיין כלל ישראל, וואס יעדער האט זיך זיין מעלה, דארף עס זיין אלעס צוזאמען. און ווען עס איז אלעס אינאיינעם, דעמאלטס איז דא די שיינקייט פון יודען.

**ואהבת** לרעך כמוך, מען איז יונג, און מען איז צוזאמען, מען דארף זיך צוגעוואוינען ליב צו האבן איינער דעם אנדערן, און טון חסד איינער פארן צווייטן, סיי חסד בגשמיות און סיי חסד ברוחניות, שפירן זיך ווי א איגוד וואס איז צוזאמגעבינדן. די גאנצע כתה צוזאמען, איינער זאל ארויסהעלפן דעם צווייטן, נישט איך בין טאקע צוזאמען, אבער איך קען זיך אפטיילן אויך. עס דארף זיין א איגוד צווישן איינעם און דעם אנדערן, אז מען זאל זיך מחבר זיין מיט אהבה ואחוה וריעות, און ארויסהעלפן איינער דעם אנדערן.

*

**עס** קומען יעצט די הייליגע טעג, עס איז געהויבענע טעג, די ימי רחמים ורצון הייבט זיך שוין אן אין חודש אלול, אין די טעג בעהט מען זיך אויס פונעם אייבערשטען אויף אלעם וואס דארף

אדורכגיין אין משך פונעם יאר. עס איז געהויבענע זמנים, און אין א געהויבענעם זמן דארף זיך א מענטש שענער אויפפירן ווי אין אנדערע צייטן. אזוי ווערט גע'פסק'נט אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן תר"ג) אז עשרת ימי תשובה דארף א מענטש זיין נזהר אפילו אין זאכן וואס א גאנץ יאר איז ער נישט נזהר. דער שלחן ערוך רעדט אקעגן פת עכו"ם, מאכלים וואס מען עסט א גאנץ יאר, אבער אויב עס איז דא א חשש דערויף, זאל מען מער נזהר זיין אין עשרת ימי תשובה, ווייל א געהויבענער זמן, האט א עילוי אין זיך.

**דער** וואס האט געברענגט ביכורים האט עס געברענגט אין בית ה'. ער איז געקומען צום כהן, און ער האט אראפגעלייגט זיין ביכורים, און דארט האט ער געזאגט א גאנצע פרשה. ער האט געדאנקט דעם אייבערשטען פון ארמי אובד אבי, פון ווען יעקב אבינו איז נאך געווען ביי לבן אין שטוב, און וירד מצרימה, און ויענונו, מען האט אונז געפייניגט. מען איז אריינגעקומען אין ארץ ישראל, און איך האב באקומען מיין חלק אינעם לאנד, פערצן יאר האט מען זיך געפלאגט מיט ירושה וישיבה, און איך האב שוין איינגעזייעט מיין פעלד, און איך ברענג יעצט צום כהן דעם ראשית פרי האדמה, און איך דאנק דעם אייבערשטען, ועניית ואמרת לפני ה' אלקיך, איך געב א הודאה פארן באשעפער. פארוואס דארף ער געבן די הודאה פארן אייבערשטען אין בית המקדש, ער קען עס נישט זאגן ביי זיך אינדערהיים? ער קען נישט גיין ביי זיך אין בית המדרש, און דאנקען דעם אייבערשטען. פארוואס דארף ער גיין אין בית המקדש.

**דער** בית המקדש האט געהאט א געוואלדיגע קדושה, דארט איז געווען די השראת השכינה, דער מקום אליין איז א מקום קדוש. יא, דו קענסט זאגן דעם זעלבן דאנק ביי דיר אינדערהיים, אבער אז דו זאגסט עס אין א מקום קדוש, אין א פלאץ וואו עס איז הייליג, איז די הודאה א אנדערע הודאה ווי ווען דו זאגסט עס ביי דיר אינדערהיים, ווייל דער פלאץ דערהייבט דעם מענטש, די קדושה וואס איז דא אין דעם מקום טוט אים דערהייבן, אז ווען ער דאנקט, דאנקט ער אנדערש. ער דאנקט עס מיטן גאנצן טיפעניש פונעם הארץ, און ער גיט ארויס זיין אמת'דיגע הודאה פארן באשעפער. ער קען זאגן די זעלבע ווערטער ערגעץ אנדערש אויך, אבער ווען עס איז אין א פלאץ פון קדושה, ווערט דער מענטש דערהויבן.

**און** אזוי ווי דאס איז אין מקום, איז דא די זעלבע אין זמן אויך. דער בית המקדש איז געווען די הייליגסטע פלאץ אויף די וועלט, און עס איז דא זמני קודש, דאס איז די הייליגע טעג. און וואס א יוד טוט אין די הייליגע טעג, די קדושה פונעם זמן טוט דערהייבן דעם מענטש, אז עס דאווענט זיך אנדערש, און מען פירט זיך אויף אנדערש אין די טעג. פונקט ווי ביכורים האט ער נישט געגעבן זיין הודאה פארן אייבערשטען אין שטוב, נאר ער האט געדארפט האבן א מקום קדוש, כדי ער זאל קענען ארויסגעבן זיינע געפילן פון הודאה, אזוי איז ווען עס קומען די זמני קודש, די הייליגע טעג. און חודש אלול איז די הכנה דערצו, מען גייט דאך שוין אריין אט אט אין סליחות טעג, וויסן אויסצונוצן די זמני קודש וואס מען האט, נישט אנברענגען קיין צייט. בין הזמנים איז דאך די סדרים אין ישיבה נישט די זעלבע ווי אינמיטן פונעם יאר, מען דארף זעהן אויסצונוצן יעדע מינוט על התורה.

**מען** דארף דאווענען א גאנץ יאר גוט, אבער כל שכן ווען עס קומט שוין סליחות און ווייטער, וואס איז טעג פון ימי הרחמים ורצון. די זמני קודש דארפן צוהעלפן פאר א יוד צו קענען דאווענען מקירות לבו. דאווענען איז אזוי ווי ווען א קינד דארף עפעס פון די מאמע, רעדט ער צו די מאמע און צו דעם טאטען, טאטי איך דארף דאס, מאמי איך דארף דאס, אזוי דארף זיין די תפלות צום אייבערשטען. אלעס וואס מיר באקומען איז פונעם אייבערשטען, נישט פון טאטע מאמע. טאטע מאמע באקומען אויך פונעם אייבערשטען. ווען א מענטש דארף עפעס, און ער איז מתפלל אין די טעג, האט עס א געוואלדיגער כח אז די תפלות זאלן עושה רושם זיין.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען שטייגן אין תורה און יראת שמים. איך הער זייער שיינע גריסן פון די בחורים ווי פלייסיג מען לערנט, און ווי די מגידי שיעור געבן זיך אפ מיט יעדן בחור עקסטער. זאל דער אייבערשטער געבן, עטץ זאלטס מצליח זיין, און שטייגן אין עבודת ה'. געדענקען דעם ראשית, דאס איז די יונגע יארן וואס מען האט,

אז מען זאל עס נישט פארפאסן. יעדען טאג וואס מען האט אין די ראשית יארן, איז א עקסטערע ברכה פאר זיך, און א עקסטערע התעלות וואס מען קען שטייגן, מען זאל קענען אויסנוצען די טעג פאר תורה און עבודת ה'. און אונז אלע זאל מיר זוכה זיין צו האבן א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה, א שנת גאולה וישועה, און צוזאמען אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **עמרם** (ב"ר צבי אלימלך) **געווירץ** נ"ו, שהתקיים באולם ווילהאוויץ.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **מאיר הערש בערגער** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת יחיאל.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של החתן **משה ארי'** נ"ו בן הר"ר **נחמיה גיידא** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם פריילך** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יצחק טעסלער** הי"ו (חתן הר"ר אשר יעקב מענצער הי"ו), עב"ג בת הר"ר **שלום קליימאן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי מאיר גרינוואלד שליט"א** דומ"ץ בק"ק פאפא (בן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי אפרים אהרן טייטלבוים שליט"א** ראה"כ צעהלים, שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **הערשל** (ב"ר בן ציון שלום) **שפיטץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ליפא שווימער** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>ערב שבת פרשת כי תבא</u>***

בשעות לפני הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי משה מנחם טירנויער זצ"ל** דומ"ץ סאטמאר מאנטריאל.

*

***<u>שבת קודש פרשת כי תבא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים מאת **הגה"ק רבי יונתן אייבשיץ זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"א אלול). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי.

## פרשת נצבים כ"א - כ"ז אלול תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת נצבים – א' סליחות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בכתיבת האותיות בספר תורה שנכתב על ידי הר"ר **אליעזר מרדכי שווארץ** הי"ו.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים בבית **הגה"צ אב"ד קירלהאזא שליט"א**, שישב שבעה על פטירת אחיו **הרה"ג רבי חיים יצחק אייזיק טייטלבוים זצ"ל** אב"ד סלאטפינא. - כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל בניו שליט"א שישבו שבעה בבית הנפטר ז"ל.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לבארא פארק סענטער לבקר אצל הר"ר **נפתלי וואלדמאן** הי"ו, ואצל הר"ר **יחיאל זיגעלמאן** הי"ו.

**רבינו שליט"א** חזר לוויליאמסבורג והשתתף בכתיבת האותיות בספר תורה שנכתב על ידי משפחת הר"ר **אברהם יעקב פריינד** ע"ה. - כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף בכתיבת האותיות בספר תורה שנכתב על ידי הר"ר **יעקב יוחנן מענדלאוויטש** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יוסף דופלט** הי"ו (חתן הר"ר דוד ברוין הי"ו), עב"ג בת הר"ר **משה חיים מייער** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

***יום שני פרשת נצבים***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** למעמד יציקת בורות המקוה, בבנין הישיבה גדולה ההולך ונגמר לשם ולתפארת בשכונת איסט פלעטבוש. **רבינו שליט"א** יצק את בור המקוה, ואחריו הנדיבים והעסקנים הדגולים שיחי'. אחר כך עבר **רבינו שליט"א** על כל סדר המשכת המים על גבי קרקע, ולבורות ההשקה והזריעה, עם הרה"ג רבי **יצחק טריגער** שליט"א, מומחה גדול לעניני מקוואות. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל העסקנים והמסייעים, וסיימו בשירת 'בורא עולם בקנין השלם זה הבנין', ובתפלה לא-ל שיוכלו לראות בנין הישיבה והדארמיטארי על תילה בנויה, לקראת זמן החורף שנת תשפ"ב הבעל"ט.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנהעטן והשתתף אצל סעודת הבר מצוה של בן **כ"ק האדמו"ר רבי יאשיהו יוסף פינטו שליט"א**, שהתקיים בבית מדרשו מרכז שובה ישראל. **האדמו"ר שליט"א** קיבל את פני **רבינו שליט"א** בחיבה ובהערצה, לקול שירת 'ימים על ימי מלך תוסיף' וכו', ודיברו בסוד שיח למשך זמן. אחר כך עמד **רבינו שליט"א** בריקוד עם **האדמו"ר שליט"א** וחתן הבר מצוה, והאציל עליהם ברכות לרוב.

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החתן **הערשל** נ"ו, בן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהושע דוד הערשקא** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **יששכר ווייס** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לחתונה של החתן **הערשל ראזענבערג** נ"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת נצבים***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שמואל לוי וויטריאל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב להסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**אין** די טעג פון סליחות בעהט מען, השיבנו ה' אליך ונשובה, חדש ימינו כקדם (איכה ה-כא). וואס איז די בקשה השיבנו ה' אליך? תשובה דארף א יוד טון אליין. ער האט געזינדיגט, ער האט חוטא געווען פארן אייבערשטען, דארף ער תשובה טון. וואס בעהט מען, השיבנו ה' אליך, דער אייבערשטער זאל אונז צוריקקערן, און נאכדעם ונשובה, וועלן מיר זיך צוריקקערן.

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה, די וואך אין די פרשה שטייט אז דער אייבערשטער זאגט, ומל ה'

אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך, דער אייבערשטער וועט מל'ן דיין הארץ, לאהבה את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, ליב צו האבן דעם אייבערשטען, למען חייך (דברים ל-ו). אין הייליגע ספרים שטייט, אז דא איז דא א רמז אויף חודש אלול, ומל ה' אלקיך א'ת ל'בבך ו'את ל'בב, איז די ראשי תיבות אלול. חודש אלול איז דער זמן פון ומל ה' אלקיך את לבבך.

דער **ייטב לב** אין **ייטב פנים** (שירת דודי אות יט) זאגט, אז ער האט געטראפן נאך א רמז אויך, ביי פרעה שטייט, כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו (שמות י-א), א'ת ל'בו ו'את ל'ב, איז אויך די ראשי תיבות אלול. די חילוק איז נאר, דא שטייט ומל ה' אלקיך את לבבך, אז דער אייבערשטער וועט אוועקנעמען די ערלת הלב, און דארט שטייט פארקערט, כי אני הכבדתי את לבו, אז דער אייבערשטער וועט מכביד זיין דעם הארץ.

**זאגט** דער ייטב לב, אז אין **רמב"ם** (בפירוש המשניות סוף ברכות) שטייט, אז עס איז דא אמאל וואס א מענטש קען זיך אזוי פארזינדיגן פארן אייבערשטען, אז דער אייבערשטער וויל נישט זיין תשובה. און ער טוט אים שווער מאכען דאס הארץ פון וועלן תשובה טון. מען געפונט ביי פרעה, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, כי אני הכבדתי את לבו. פרעה האט שוין געוואלט ארויסשיקן יודען, און דער אייבערשטער האט אים געגעבן די פעסטקייט, ניין, שיק נישט ארויס יודען. נו, ווי אזוי קומט זיך עס, א מענטש האט דאך א בחירה. זאגט דער רמב"ם, אז אמאל איז דאס א חלק פונעם עונש. ווייל ער האט אזויפיל געטון שלעכטס מיט די אייגענע ווילן, איז דער עונש, אז אפילו ווען ער וויל שוין צוריקגיין, איז מען שוין נישט אינטערעסירט, כי אני הכבדתי את לבו.

**זאגט** אויף דעם דער ייטב לב, קומט דאך אויס, אז חודש אלול איז דא אמאל וואס עס איז ומל ה' אלקיך את לבבך, א יוד ווערט נתעורר צו תשובה. און אמאל איז דא, כי אני הכבדתי את לבו, אפילו ווען ער וויל, ווערט ער אלץ פארמישט מיט עפעס אנדערש. ער הייבט אן, און ער פאלט צוריק, עס איז דא א הכבדת הלב, ער זאל נישט קענען ווייטער גיין. איז אין חודש אלול דא אמאל וואס עס איז ומל ה' אלקיך את לבבך, און אמאל איז דא כי אני הכבדתי את לבו.

**קומט** אויס, אז אפילו ווען א יוד וויל תשובה טון, אבער נישט אייביג קען ער תשובה טון. אמאל איז דא וואס ער האט א הכבדת הלב, וואס מען טוט מונע זיין פון אים די דרכי התשובה. בעהט מען קודם השיבנו ה' אליך, דער אייבערשטער זאל אונז נישט מכביד זיין אונזער הארץ, דער באשעפער זאל אונז געבן די מעגליכקייט אונז זאל מיר קענען זיך צוריקקערן, ונשובה, דעמאלטס וועלן מיר זיך צוריקקערן צום אייבערשטען. אז עס איז דא א הכבדת הלב פונעם אייבערשטען, איז וואס אונז וועל מיר טון, וועט זיך עס אייביג אפשטעלן, ווייל די הכבדת הלב פונעם אייבערשטען, וועט נישט צולאזן, אז מען זאל קענען צוקומען צו טון תשובה.

*

**איך** האב געהערט פון א יוד אין ארץ ישראל, וואס האט געהייסען רבי יוסף ווייסבערג. ער איז געווען א גרויסער מוהל אין ארץ ישראל, אין די פריערדיגע יארן. האט ער מיר פארציילט, אז ער האט אמאל געהאט א ברית ביים **גורער רבי**, דער **בית ישראל**. דער גורער רבי איז געווען א שארפער, און ווען ער איז געקומען צום ברית, רופט זיך אן דער גורער רבי צו אים, יוסל, ווען וועסטו זיך אליין מל'ן? האט ער דאך פארשטאנען וואס ער מיינט, זאגט ער, רבי, עס שטייט אין פסוק ומל ה' אלקיך את לבבך, דער אייבערשטער דארף עס טון. זאגט אים דער גורער רבי, ניין, עס שטייט (דברים י-טז) ומלתם את ערלת לבבכם, מען דארף עס אליין טון. אזוי האט ער מיר פארציילט.

**קומט** אויס, אז עס איז דא א סתירה אין די פסוקים, איין מאל שטייט ומל ה' אלקיך את לבבך, אז דער אייבערשטער טוט עס. און אמאל שטייט, ומלתם את ערלת לבבכם, מען דארף עס אליין טון. נאר דער אמת איז, אז עס איז ביידע אמת. א יוד דארף אנהייבן! ומלתם את ערלת לבבכם. אז מען הייבט נישט אן אליין, האט מען נישט קיין סיוע פון אויבן. נאכן ומלתם את ערלת לבבכם, ווען א יוד טוט אליין, נאכדעם קומט צו אז ומל ה' אלקיך את לבבך, טוט דער אייבערשטער צוהעלפן עס זאל קענען זיין בשלימות.

**דער** טאטע ברענגט אריין דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו, מילת ערלת בשר איז דאך אקעגן דעם

ערלת הלבֿ. עס איז נישט נאר אז מען מל'ט סתם דאס שטיקעלע בשר, נאר דורכדעם ברענגט מען אריין דאס קינד אין קדושה. איז דאך יעדער טאטע ווען ער מל'ט א קינד, הייבט ער אן מיטן ומלתם את ערלת לבבכם, איז דא נאכדעם אז עס זאל חל זיין די ברכה ומל ה' אלקיך את לבבך. ווען א יוד טוט פון זיין זייט וואס ער קען, קומט נאכדעם צו א ברכה פון אויבן. אז דער אייבערשטער איז גומר, ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואוד והגיע לביתו החדש של הר"ר **אהרן מרדכי ליכטמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **נפתלי מאשקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לבית הר"ר **חנני' יום טוב ליפא** (ב"ר הערשל) **שפיץ** הי"ו, וקיבל למשך כמה שעות את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום רביעי פרשת נצבים***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **חנני' דוב פאפלאנאש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יצחק יהושע אדלער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש שדה משה נייטרא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והגיע לניחום אבלים אצל משפחת קליין שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **יעקב קליין** ע"ה).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **שלמה ברוך פרענקל** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו תפארת יהושע. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הגיע **רבינו שליט"א** לבית הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, וקיבל למשך כמה שעות את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום חמישי פרשת נצבים***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אהרן צבי טייטלבוים** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב להסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** זאגט א ברכה אויף די תורה, אשר נתן לנו תורת אמת, דער אייבערשטער האט אנז געגעבן א תורת אמת, א אמת'דיגע תורה, וחיי עולם נטע בתוכנו, און ער האט אריינגעפלאנצט אין אונז חיי עולם. וואס איז דער חיי עולם, וואס איז נטע בתוכנו.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (**בתורת משה** פרשת עקב סג:), והותירך ה' לטובה בפרי בטנך ובפרי בהמתך ובפרי אדמתך (דברים כח-יא). זאגט דער הייליגער חתם סופר, ווען א יוד דינט דעם אייבערשטען איז עס נישט נאר משפיע אויף זיך אליין, עס האט אויך א השפעה אויף די קינדער צום ערשטען, ברא כרעא דאבוה (עירובין ע:), א קינד איז א חלק פונעם טאטע. איז ממילא די עבודה וואס א יוד טוט, ווערט נשפע אין א חלק פון אים, וואס דאס איז דאך דאס קינד.

**עס** ווערט נשפע אין זיין פארמעגן, יעדע חפץ וואס א יוד האט, איז דא ניצוצות וואס איז נוגע פאר זיין נשמה. מען געפונט אין די גמרא (חולין ז.) אז חמורו של רבי פנחס בן יאיר האט נישט געגעסן אומגע'מעשר'ט. ער איז דאך א חמור, ער האט נישט קיין שכל נישט צו עסן, אבער וויבאלד ער האט געהערט צו רבי פנחס בן יאיר, איז די קדושה פון רבי פנחס בן יאיר ארויפגעגאנגען אויף די בהמה אויך, און די בהמה האט נישט געגעסן נאר וואס איז געווען גע'מעשר'ט. מען געפונט ביי רבי יוחנן בן תורתא, אז זיין בהמה האט נישט געטון קיין מלאכה אין שבת. און ער האט אים פארקויפט פאר א גוי, און ער האט נישט געוואוסט אז ער האט אים פארקויפט, און ער האט נאך אלץ נישט געטון קיין מלאכה (הובא **בריטב"א** יומא ט.).

**זאגט** דער חתם סופר ווייטער, עס איז נוגע אפילו פאר די פירות פון די וועלט, די גמרא (סוטה מט.) זאגט, אז פון ווען עס איז בטלה טהרה, פון ווען עס איז שוין נישט דא די טהרה וואס איז געווען אמאל, אונז האב מיר נישט היינט קיין אפר פרה, איז דאך נישט דא קיין טהרה, איז אוועקגענומען געווארן די ריח און די טעם וואס איז דא אין פירות. דאס וואס אונז שפיר מיר א ריח און א טעם אין פירות, איז נאר א מעין פון וואס עס איז געווען אמאל, ווען עס איז געווען טהרה. וואס האט עס צוטון, ווייל עס איז נישט דא קיין טהרה, על כן, וועגן דעם באקומען די פירות א אנדערע טעם? יא, ווייל וואס א יוד טוט, שפילט זיך אפ אין די וועלט. זאגט דער הייליגער חתם סופר, והותירך ה' אלקיך לטובה, דער אייבערשטער וועט דיר איבערלאזן לטובה, און עס וועט האבן א השפעה, בפרי בטנך, ובפרי בהמתך, ובפרי אדמתך.

**קומט** אויס, אז די תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איז נישט נאר א תורה וואס א יוד איז מקיים, און עס איז נוגע פאר אים. ער האט זיך אזוי אויפגעפירט, צו ער האט זיך אזוי אויפגעפירט. עס איז נוגע אין גאנץ חיי עולם, עס איז נוגע אין די בהמות, עס איז נוגע אין די פירות. אלעס וואס איז דא אין די וועלט, איז תלוי אין די תורה. אשר נתן לנו תורת אמת, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א תורת אמת, וחיי עולם נטע בתוכנו, און די גאנצע חיות פון די וועלט, האט דער אייבערשטער אריינגעפלאנצט, בתוכנו, אין אונז. לויט אונזער הנהגה וואס אונז פיר מיר זיך, דאס איז נוגע צו חיי עולם.

**ווען** א טאטע איז מכניס זיין קינד בבריתו על אברהם אבינו, איז דאך דאס די גרעסטע קדושה וואס מען קען אריינלייגען אין א קינד, וצאצאיו חתם באות ברית קודש. און והותירך ה' לטובה בפרי בטנך, די עבודה פון א יוד איז, אריינצופלאנצן יודישקייט אין די קינדער און אין די דורות. - איך האב היינט צופרי געזעהן צוברענגען פון **רבי צדוק הכהן** אין **פרי צדיק** (פרשת נשא), אז דער פסוק (במדבר ו-ב) זאגט, איש או אשה כי יפליא לנדור נדר נזיר להזיר לה'. ער רופט עס אן כי יפליא, נזירות איז א פלא. זאגט ער, אז די הלכה איז (נזיר כח:), האב מדיר את בנו בנזירות, א טאטע קען זאגען, מיין קינד זאל זיין א נזיר, און דאס קינד ווערט א נזיר, ער ווערט קודש. א קינד האט גארנישט געטון, און דער טאטע האט אויך גארנישט געטון, און מיט איין ווארט וואס א טאטע האט געזאגט אויף א קינד, האט עס א כוח און א השפעה אז דאס קינד ווערט א קדוש. ווייל א נזיר רופט דאך אן די תורה, אז ער איז קדוש לה'. דאס איז איש כי יפליא, עס איז א פלא אז עס זאל קענען זיין. אז מיט א דיבור פון א טאטע, זאל א קינד קענען נתקדש ווערן, דאס איז א פלא. - און אז מיט א דיבור פון א טאטע קען א קינד נתקדש ווערן, איז דאך א כל שכן אז מיט א מעשה פון א טאטע, וואס א טאטע לייגט אריין א אות ברית קודש אין א קינד, איז אוודאי אז א קינד קען נתקדש ווערן.

*

בשעות הערב התקיים סעודת הילולא של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל** בבית מדרשנו. **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי אמר ההדרן לסיום הש"ס, ונשמעו דברי זכרון על ידי **הרה"ג רבי דוד יוסף טענענבוים שליט"א**. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**אונז** זיץ מיר ביי די סעודת הילולא פונעם רב זכרונו לברכה, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. מען האט פריער געהערט פונעם דיין זאל זיין געזונט, די געוואלדיגע חשיבות פון זיך צוזאמקומען, בבית אלקים נהלך ברגש, אין א טאג פון די יארצייט. ר' דוד יוסף האט אזוי שיין ארויסגעברענגט די הרגשה וואס א תלמיד דארף האבן צו זיין רבי'ן. איך וויל אביסל מרחיב זיין די נקודה, וואס דער תועלת איז, ווען א יוד איז דבוק צו זיין רבי'ן. ער געדענקט שטענדיג, און ער טראכט אויף אים, וואס דער תועלת איז אינעם לעבן פונעם מענטש.

**די** גמרא (ברכות ח.) זאגט, - ווען די גמרא זאגט עס נישט, איז עס שווער אפילו נאכצוזאגן, - לעולם ידור אדם במקום רבו, א מענטש זאל שטענדיג וואוינען נעבן זיין רבי'ן, ווייל ווילאנג שמעי בן גרא, וואס איז געווען דער רבי פון שלמה המלך, האט געלעבט, האט שלמה נישט חתונה געהאט מיט בת פרעה. ווען דער רבי איז שוין נישט געווען, האט ער גענומען בת פרעה. פרעגט די גמרא, עס איז דא א

ברייתא וואס עס שטייט אז מען זאל נישט וואוינען נעבן א רבי'ן. זאגט די גמרא, הא דכייף ליה, הא דלא כייף ליה. ווען א מענטש איז נכנע אונטער זיין רבי'ן, ער איז מקבל פון זיין רבי'ן, דארף ער וואוינען נעבן זיין רבי'ן. אבער אז עס אינטערעסירט אים נישט דער רבי, ער איז ממילא נישט כייף צום רבי, איז בעסער אז ער וואוינט נישט דארטן, וועט ער נישט נכשל ווערן מיט דעם וואס ער פאלגט נישט זיין רבי.

**ווער** שלמה המלך איז געווען, דארף מען נישט זאגן, כל השירים קודש, און דער שיר פון שלמה המלך איז קודש קדשים (ילקוט שיר השירים תתק"פ). און נשא בת פרעה איז נישט געווען קיין עבירה, די ענינים וואס שלמה המלך האט געוואלט מכניע זיין בת פרעה, איז אלעס געווען העכערע ענינים של קדושה. אבער די גמרא רופט עס אן, אז עס איז דאך געווען א זאך, וואס ער וואלט נישט געטון ווען זיין רבי לעבט. עס איז דא זאכן וואס א מענטש גיט זיך אכט בשעת ער וואוינט מיט זיין רבי, און ער פירט זיך אויף אנדערש.

*

**מען** לערנט יעצט מסכת הוריות (בחבורת 'ובהם נהגה'), עס איז מיר אויסגעקומען די וואך צו לערנען די גמרא (דף י:), און איך וועל עס ממשיך זיין צו דעם ענין. די גמרא רעדט פון לוט, אז רבה האט גע'דרשנ'ט, עס איז דא א פסוק (משלי יח-יט) אח נפשע מקרית עוז, ומדינים כבריח ארמון. פשוט פשט אין פסוק איז, אח נפשע, עס קען אמאל זיין א ברודער וואס זינדיגט, ער איז מורד, און ער ווערט אפגעטיילט, מקרית עוז, פון א צדיק וואס איז א קרית עוז, וואס איז א שטארקע שטאט. ומדינים, און מחלוקת ברענגט, אז מען ווערט אפגעטיילט, כבריח ארמון, אזוי ווי א בריח וואס מען לייגט ארויף אויף די טיר פון א ארמון, פון א גרויסע זאל, וואס מען קען נישט אריינגיין. און דער וואס איז אינדרויסן, האט נישט קיין שייכות צו דעם וואס איז אינעווייניג. זאגט די גמרא, אח נפשע מקרית עוז, זה לוט שפירש מאברהם, דער פסוק גייט ארויף אויף לויט וואס האט זיך אפגעטיילט פון אברהם אבינו. אברהם אבינו איז דער קרית עוז, און לוט איז געווען א אח נפשע, וואס האט זיך אפגעטיילט פון אברהם. ומדינים כבריח ארמון, די תוצאות פון די מחלוקת איז געווען, אז עס איז געווארן א בריח ארמון. עס האט אפגעטיילט, אזוי ווי א בריח טיילט אפ די שטוב. שהטיל מדינים בין ישראל לעמון, דער אייבערשטער האט געמאכט א הבדל צווישן יודען און עמון, אז עמון קען קיינמאל נישט קומען בקהל ה', שנאמר (דברים כג-ד) לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'. די מדינים וואס לוט האט זיך אפגעטיילט פון אברהם, האט צוגעברענגט כבריח ארמון, אז עס איז געווארן א בריח צווישן יודען און עמון, אז אפילו א עמוני איז זיך מגייר, לא יבוא בקהל ה'.

**די** גמרא דארף האבן ביאור. מען וועט אנהייבן מיט די ערשטע העלפט, און נאכדעם צוקומען צו די צווייטע העלפט. קודם זאגט די גמרא, אז אח נפשע מקרית עוז, גייט ארויף אויף לוט, אז לוט האט זיך אפגעטיילט פון אברהם. ווען מען לערנט חומש קוקט עס אויס אביסל אנדערש, אז אברהם האט זיך אפגעטיילט פון לוט, און נישט לוט פון אברהם. עס איז געווען א ריב צווישן די רועי מקנה אברם, און די רועי מקנה לוט. און אברהם האט געזאגט פאר לוט, אל נא תהיה מריבה ביני ובינך, הפרד נא מעלי, טייל דיך אפ. דו ווילסט גיין רעכטס אדער לינקס, אונז וועל מיר זיך אפטיילן איינער פונעם אנדערן. אברהם האט אוועקגעשיקט לוט, ער האט זיך אפגעטיילט פון אים. און די גמרא רופט עס אן, אז נישט אברהם האט זיך אפגעטיילט פון לוט, נאר לוט האט זיך אפגעטיילט פון אברהם.

**ווייל** ווען א קינד פירט זיך נישט אויף אין שטוב ווי עס דארף צו זיין, און דער טאטע שיקט אים ארויס פונעם שטוב, איז נישט דער טייטש אז דער טאטע האט זיך אפגעטיילט פונעם קינד, נאר דאס קינד האט זיך אפגעטיילט פונעם טאטען. אז מען פירט זיך אזוי אויף, אז מען קען נישט מיט יענעם ווייטער וואוינען, איז נישט שולדיג דער וואס האט ארויסגעווארפן דעם קינד, שולדיג איז דאס קינד וואס האט זיך אזוי אויפגעפירט, אז מען קען נישט מיט אים וואוינען. אברהם קען נישט וואוינען צוזאמען מיט רועי לוט, מען גנב'ט, מען גזל'ט, מען גייט אריין אין יענעם'ס פעלדער, איך קען מיט דיר נישט וואוינען צוזאמען, הפרד נא מעלי. זאגט די גמרא, נישט אברהם האט זיך אפגעטיילט פון לוט, נאר לוט מיט זיינע מעשים, האט זיך אפגעטיילט פון אברהם, און ער ווערט אנגערופן דער אח נפשע.

*

**ומדינים** כבריח ארמון, זאגט די גמרא, אז די תוצאות דערפון איז געווען, אז דער אייבערשטער האט שפעטער געזאגט, לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה', עס איז געווארן א פירוד צווישן יודען מיט עמון. פארוואס זאגט נישט די גמרא גראד, אז עס איז געווארן מדינים כבריח ארמון, אז לוט האבן זיך אפגעטיילט פון אברהם, עס איז געווארן א בריח צווישן זיי. לוט איז געגאנגען אויף סדום, און אברהם איז געגאנגען אויף ארץ כנען. מדינים, די מחלוקת האט געברענגט, כבריח ארמון, אז זיי האבן זיך אפגעטיילט איינס פונעם צווייטן.

**ווייל** די מחלוקת האט זיך נישט אפגעטיילט איינס פונעם צווייטן, נאר איין זייטיג. לוט האט טאקע געזאגט אי אפשי לא באברם ולא באלקיו (רש"י יג-יא), ער איז אוועקגעגאנגען, ער האט נישט געוואלט האבן קיין שייכות מיט אברהם. אבער אברהם איז געבליבן צוגעבינדן צו לוט שפעטער אויך. ווען עס איז געווען די מלחמה פון די חמש מלכים, האט אברהם געהאט מסירת נפש, און ער איז ארויסגעגאנגען אין מלחמה מיט נעריו, מציל צו זיין לוט. שפעטער ביי סדום, האט ער מתפלל געווען אויף לוט. א ערליכער יוד טיילט זיך נישט אפ פון יענעם, אפילו מען מוז זיך אפטיילן, נאר לוט האט זיך אפגעטיילט. קען מען נישט זאגן אז דער פסוק רעדט זיך, אז עס איז געווארן א בריח ארמון צווישן אברהם מיט לוט, ווייל עס איז נאר איין-זייטיג, לוט איז אפגעטיילט, אבער אברהם איז נישט אפגעטיילט. אבער די שפעטער'דיגע הבדלה וואס איז געווען, אז מען האט אפגעטיילט עמון פון כלל ישראל, דאס איז פון ביידע זייטן זענען מיר אפגעטיילט, מיר האבן נישט קיין שייכות מיט עמון.

*

**אבער** עס פעלט דא א שטארקער ביאור. דאס וואס מען האט אפגעטיילט עמון פון יודען, אז לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה', וואס פאר א קשר האט עס מיט דעם וואס לוט האבן זיך דעמאלטס אפגעטיילט פון אברהם? אין די תורה שטייט דאך, אז דער לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה', איז על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. ווען מען איז ארויס פון מצרים, איז מען אדורכגעגאנגען עמון ומואב, און זיי האבן נישט געגעבן קיין לחם צו עסן. און מואב האט נאך שכר עליך את בלעם בן בעור לקללך. דאס האט גארנישט קיין שייכות מיט דעם פירוד וואס איז געווען דעמאלטס צווישן אברהם און לוט. ווען אברהם מיט לוט וואלטן דעמאלטס געבליבן צוזאמען, עס וואלט נישט געווען קיין ריב צווישן די רועי מקנה אברם, און שפעטער ווען מען איז ארויס פון מצרים, וואלטן עמון ומואב נישט געברענגט לחם ומים, וואלט מען אויך געווארן אפגעטיילט. פארוואס שטעלט די גמרא צוזאם, אז די תוצאות פון דעם וואס לוט האט זיך אפגעטיילט פון אברהם, האט צוגעברענגט דערצו, אז שפעטער האט מען זיך אפגעטיילט פון עמון ומואב, לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה'.

**עס** שטייט אין **רמב"ן**, אויף לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה', על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. אז דער אייבערשטער האט געשטראפט עמון ומואב, אז מיר האבן נישט קיין קשר מיט זיי קיינמאל, זיי קענען זיך נישט משדך זיין מיט אונז. סיי וועלכער דור עס וועט קומען, און ער וועט זיך מגייר זיין, וועט ער נישט קענען אריינקומען אין כלל ישראל, עד עולם. נישט קיין חילוק, זיין קינד, זיין אייניקל, זיין אור אייניקל, ער האט נישט קיין שייכות מיט אונז. על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים, זיי האבן נישט געגעבן קיין צדקה, זיי האבן נישט ארויסגעהאלפן ווען מען איז געקומען. על כן, איז וועגן דעם, ווייל מען האט נישט געברענגט לחם ומים, איז דער עונש אז זיין אייניקל, אור אייניקל, קענען זיך מער נישט משדך זיין מיט אונז צוזאמען, וואס איז דער קשר?

**זאגט** דער הייליגער רמב"ן, אברהם אבינו איז געווען דער וואס האט געהאט מסירת נפש פאר לוט. אברהם אבינו איז ארויסגעגאנגען אין א מלחמה מציל צו זיין לוט, און שפעטער ביי סדום, ווי מען האט פריער גערעדט, ויזכור אלקים את אברהם (בראשית יט-כט), און לוט איז ניצול געווארן אין זכות פון אברהם, און דורכדעם איז אויסגעוואקסן עמון ומואב, אלעס האט ער צו פארדאנקען פאר אברהם אבינו. ווען עס קומען שפעטער די קינדער פון אברהם אבינו, און מען ברענגט זיי נישט ארויס קיין לחם ומים, איז עס א געוואלדיגער אכזריות. אז דו לוט לעבסט, ער האט דיך געברענגט אויף די וועלט, דו וואלסט געקענט זיין אן עבד וואס מען האט געפאנגען אין די מלחמה, דו וואלסט געווען אן עבד

עולם ווען נישט אברהם אבינו. דו ביסט אין סדום, און סדום וואלט אונטערגעגאנגען, פון דיר און פון דיין גאנצע משפחה וואלט נישט געבליבן גארנישט, ווער האט דיך מציל געווען? אברהם. דו געדענקסט נישט פאר אברהם אבינו'ס קינדער, אז ווען זיי דארפן האבן לחם ומים, זאל מען זיי געבן צו עסן?! זאגט די תורה, אזא אכזריות, לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה', ער קען נישט אריינקומען אין קהל ה'! מיר זענען רחמנים בני רחמנים, גומלי חסדים, ווער עס האט נישט איינע פון די דריי סימנים, איז נישט פון כלל ישראל, מען קען נישט ארייננעמישן עמון ומואב אהער.

*

**אבער** הא גופא קשיא, פון ווי נעמט זיך טאקע דאס, אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. פארוואס האבן זיי נישט געברענגט? אברהם אבינו האט דאך זיי אזויפיל געהאלפן, אז מען זאל כאטש ברענגען פאר אברהם אבינו'ס קינדער, לחם ומים? לוט האט געהאט צו פארדאנקען אלעס וואס ער האט, פאר אברהם אבינו. אזוי שטייט אין פסוק ווען אברהם אבינו איז אוועקגעגאנגען פון חרן, וגם ללוט ההולך את אברם היה צאן ובקר ואוהלים (בראשית יג-ה), זאגט רש"י, ההולך את אברם, לוט האט נישט געהאט גארנישט, נאר ווייל ער איז געגאנגען מיט אברהם אבינו, האט ער זוכה געווען, אז ער האט געהאט זיין גאנץ פארמעגן. די גאנצע רועי מקנה לוט וואס איז געווען, איז אלעס נאר געקומען פון אברהם אבינו. אברהם אבינו האט אים אלעס אהערגעשטעלט, און צום סוף מאכט ער זיך גארנישט וויסענדיג פון אברהם אבינו, על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים.

**מען** זעהט אז לוט האט געהאט מסירת נפש אויף חסד. ער איז געווען אין סדום, און אותו היום מינוהו שופט, און ער האט אריינגענומען די דריי מלאכים צו זיך אין שטוב, ואנשי סדום נסבו את הבית, און ער האט געזאגט, די דריי מענטשן געב איך נישט ארויס פאר ענק, כי על כן באו בצל קורתי (בראשית יט-ח). ער האט ענדערש מפקיר געווען זיינע צוויי טעכטער, כדי מען זאל נישט טשעפענען די געסט וואס ער האט באקומען. ווי אזוי קען זיין, אז לוט זאל האבן אזויפיל מדת החסד אין זיך?

**עס** איז אבער נישט קיין קשיא. אברהם אבינו איז געווען דער שורש פון חסד. און אז מען האט א רבי'ן אברהם אבינו, לוט האט זיך געדרייט ביי אברהם אין שטוב, לוט איז מיטגעגאנגען דעם גאנצן וועג ווי מען איז געגאנגען, צוזאמען מיט אברהם אבינו. די מדת החסד וואס איז געווען אין אברהם אבינו, איז געווארן איינגעבאקן אין לוט מיט מסירת נפש, אז ער איז גרייט געווען אלעס מפקיר צו זיין, אבער פאר די מענטשן וואס זענען געקומען בצל קורתי זאל מען גארנישט טון. לוט בעצם האט געהאט אין זיך א געוואלדיגע מדת החסד, ער האט געהאט מסירת נפש פאר די דריי מלאכים וואס זענען געקומען צו אים.

**אויב** אזוי איז דאך די קשיא, ווי קומט עס, אז זיינע קינדער שפעטער האבן שוין נישט געהאט די מידת החסד, און עס איז געווען על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. די תירוץ איז א פשוט'ער תירוץ, אמת אויף לוט, ווען ער איז געווען לעולם ידור אצל רבו, ווען ער האט געוואוינט צוזאמען מיט אברהם אבינו, איז ביי אים נקנה געווארן די מדה פון חסד, און עס איז נקנה געווארן ביי אים מיט א געוואלדיגע כח. אבער נאכדעם וואס אברהם האט זיך אפגעטיילט פון לוט, און לוט איז געגאנגען אויף סדום, זענען זיינע קינדער שוין נישט נתחנך געווארן ביי אברהם אין שטוב, זיינע קינדער האבן שוין נישט צוגעקוקט די עבודה פון מדת החסד פון אברהם, זיי זענען שוין ערצויגן געווארן אין א סדום, וואס אין סדום האט מען נישט געגעבן פאר קיין מענטש צו עסן. די וואס זענען נתחנך געווארן אין סדום, די האבן געקענט זיין על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. ווייל א מענטש ווערט נגרר נאך דעם פלאץ וואו ער געפונט זיך. געפונט מען זיך נעבן אברהם אבינו, אזוי ווי לוט וואס האט זיך געדרייט ביי אברהם אבינו אין שטוב, האט ער מיטגענומען מיט זיך די מדות פון אברהם אבינו, און ער האט געהאט די מדת החסד אויף א אופן פון מסירת נפש. אבער לוט'ס טעכטער זענען שוין ערצויגן געווארן אין סדום, זיי האבן שוין נישט צוגעזעהן די מעשי החסד פון אברהם אבינו, זיי זענען ערצויגן געווארן אויף א פלאץ ווי עס איז געווען די מדה פון אכזריות, נישט ארויסצוהעלפן פאר א צווייטן, האט באגלייט פאר זיי, און זייערע קינדער, און זייערע אייניקלעך שפעטער, די מדה וואס זיי זענען נתחנך געווארן.

און ביי זייערע קינדער פון עמון ומואב, איז געווען על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים, זיי האבן שוין נישט מקבל געווען בלחם ובמים. - פון די פרשה לערנט מען אראפ די געוואלדיגע חשיבות, פון דאס אז א מענטש האט א שייכות צו א רבי'ן, וואס ער איז קונה פון אים נאכדעם אלע זיינע מדות. און פארקערט, אז מען געפונט זיך אין א סביבה וואס איז נישט גוט, איז מען קונה דערפון, דעם אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים.

**ווען** לוט שיידט זיך נישט אפ פון אברהם אבינו דעמאלטס ווען עס איז געווען די מריבה צווישן די רועי מקנה אברם און די רועי מקנה לוט, וואלטן לוט'ס טעכטער אויך נתחנך געווארן ביי אברהם אבינו. ווען לוט'ס טעכטער וואלטן נתחנך געווארן ביי אברהם אבינו, און נישט אין סדום, וואלטן זיי אויך געהאט די מדת החסד וואס עס טוט זיך ביי אברהם אבינו. וואלט נישט צוגעקומען דערצו על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים, ווייל אברהם און לוט וואלטן געהאט מסירת נפש פאר חסד. ווער האט צוגעברענגט צו דעם על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים, דאס וואס לוט האט דעמאלטס איבערגעלאזט זיין רבי'ן אברהם אבינו, און ער איז אריבערגעאנגען אויף סדום. דעמאלטס האט ער פארלוירן זיינע קינדער, און ער האט מחנך געווען די קינדער שפעטער צו זיין אכזריים, און דאס האט צוגעברענגט שפעטער, אז לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה'.

**זאגט** די גמרא, 'אח נפשע מקרית עוז', זה לוט וואס איז נפרד פון אברהם אבינו, לוט איז אוועקגעגאנגען פון אברהם אבינו, ער האט איבערגעלאזט אברהם, און ער איז אוועקגעגאנגען אויף סדום. 'ומדינים', די מחלוקת וואס ער האט זיך יעצט אפגעטיילט פון אברהם אבינו, דאס האט געברענגט שפעטער, 'כבריח ארמון', אז עס איז געווארן א בריח ארמון, פון לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה', דאס איז צוגעקומען ווייל ער האט דעמאלטס איבערגעלאזט אברהם אבינו. ווען ער בלייבט ביי אברהם אבינו, בלייבן זיינע קינדער אויך דארט, און זיינע קינדער ווערן אויך נתחנך ביי אברהם אבינו, און דעמאלטס וואלט נישט צוגעקומען צו על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. ומדינים, די תוצאה פון די מחלוקת האט צוגעברענגט דערצו, כבריח ארמון.

**די** נקודת הדברים איז, ווען א מענטש לאזט איבער זיין רבי, איז דאס נישט ער האט איבערגעלאזט זיין רבי, און ער איז געגאנגען ערגעץ אנדערש. נאר זיינע קינדער, און זיינע אייניקלעך, פארלירן דאס וואס זיי וואלטן געקענט קונה זיין ביי זיין רבי. און דאס קען צוברענגען דערצו, אויף אזוי ווייט, אז מיט דורות שפעטער, על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים, און עס ברענגט א הבדל, אז מען קען זיך גארנישט מחבר זיין צו יודען. דאס וואס לוט האט איבערגעלאזט אברהם אבינו, דאס האט צוגעברענגט צו ומדינים כבריח ארמון.

**דער** מוסר השכל דערפון איז, מען דארף זיך פרייען אז מען האט געהאט א זכיה, אז מען האט געהאט א רבי וואס מען האט געקענט לערנען תורה, מען האט געקענט לערנען עבודת ה', מען האט געקענט לערנען עבודת התפלה, עבודת הצדקה, ווי מען האט פריער ארויסגעברענגט די אלע נקודות. און מען דארף לעבן דערמיט! אפילו מען קען שוין נישט וואוינען אצל רבו, אבער דער רבי קען וואוינען נאך ווייטער ביי ענק. ער קען נישט וואוינעןביים רבי'ן, אבער דער רבי קען נאך וואוינען ביי אים. ווען מען האט פאר זיך שטענדיג צורת רבו, מען געדענקט ביי יעדע זאך די ערליכקייט און די קדושה וואס מען האט געזעהן ביי א רבי, דאס לאזט איבער א השפעה שפעטער אויך אויף די דורות.

**מיר** שטייען דאך אין די הייליגע טעג, וואס מען דארף האבן אזויפיל זכותים, מען האט געהאט אזא שווער יאר וואס עס איז אדורכגעגאנגען אין כלל ישראל, און מען דארף דאך האבן זכותים אויף ווייטער אויך. אז מען קומט זיך צוזאמען, כאטש איינמאל אין יאר זיך צו דערמאנען פון דעם רבי'ן וואס מען האט געלערנט, ווי אזוי ער האט זיך געפירט. ווי שיין זענען געווען די יונגע יארן וואס מען האט געהאט, און מען וועט זעהן דאס ממשיך צו זיין אויף שפעטער, איז עס א געוואלדיגער זכות פאר מען גייט אריין אין די הייליגע טעג. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם צו האבן א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר, און א לוסטיג יאר, יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס ער דארף האבן, ימלא ה' כל משאלות לבבינו לטובה, מיט א שנת גאולה וישועה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*ערב שבת פרשת נצבים*

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **מנחם דוד שפארן** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

*

*שבת קודש פרשת נצבים*

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי נתן אדלער זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ז אלול). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **משה בראדי** הי"ו.

בסעודה שלישית התקיימה השבע ברכות של החתן **הערשל** (בן הר"ר לייב) **ראזענבערג** הי"ו, חתן הר"ר **יהושע דוד הערשקא** הי"ו.

בסיום הדברי תורה השמיע **רבינו שליט"א** דברי התעוררות לקראת הימים הנוראים הממשמשים ובאים.

*וזה תוכן הדברים:*

**לדוד** ה' אורי (תהלים כז-א), אורי בראש השנה (ויק"ר כא-ד), ראש השנה קומט אראפ א געוואלדיגע ליכטיגקייט אויף די וועלט. **אלעס וואס גייט אדורך אין משך פונעם יאר, איז אלעס תלוי אין דעם ראש השנה. אז מען האט שכל, נוצט מען אויס דעם ראש השנה ווי עס דארף צו זיין. דאווענען, און בעטן דעם אייבערשטען, אויף אלעם וואס מען דארף האבן. וויפיל צער און עגמת נפש גייט א מענטש אדורך אין משך פונעם יאר, זה בכה וזה בכה, יעדער מענטש האט זיך דאך זיינע פראבלעמען וואס ער גייט אדורך אין משך פונעם יאר, און דאס אלעס איז אנגעשריבן געווארן אין ראש השנה. ווען מען וואלט ווען איינגעריסן ראש השנה, מען וואלט געדאווענט און געבעטן, דער אייבערשטער איז דאך א שומע תפלה, יעדע ערליכע תפלה וואס א יוד בעט, טוט דאך דער אייבערשטער צוהערן.** ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה, עס איז דא וואס האבן נישט די כוחות פאר אלע דריי, אבער צו דאווענען האט דאך יעדער איינער דעם כח, א מויל האט יעדער איינער, און זאגן און בעטן פונעם אייבערשטען קען דאך יעדער איינער. דער כח התפלה וואס א יוד דאווענט ראש השנה, קען דאך אוועקנעמען פונעם מענטש אלע פראבלעמען וואס ער דארף צו האבן אין משך פונעם יאר. - און אז עס גייט אדורך א יאר, און מען זעהט ליידער וואס איז אדורכגעגאנגען, איז א סימן אז מיר האבן נישט אויסגענוצט דעם ראש השנה, מיר זאלן מתפלל זיין און בעטן אויף וואס מיר דארפן צו בעטן. ראש השנה איז א טאג וואס איז געגעבן געווארן אויף תפלה, מתפלל צו זיין, און זיך אויסבעטן ביים אייבערשטען אלעס וואס מען דארף האבן.

**עס** איז די התחלה פון די ימי התשובה, עשרת ימי תשובה הייבט זיך אן ראש השנה. דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב (ישעיה נה-ו), עס איז נישט דא נאך א זמן אינעם יאר, וואס דער אייבערשטער איז אזוי נאנט צו יעדן איינעם, ווי פון ראש השנה ביז נאך יום הקדוש. די גמרא (ראש השנה יח.) זאגט, הא בציבור הא ביחיד, אז דער פסוק (דברים ד-ז) כי מי גוי גדול וגו' כה' אלקינו בכל קראינו אליו, גייט ארויף אויף די טעג פון עשרת ימי תשובה, וואס דער אייבערשטער איז נאנט צו יעדן מענטש, בכל קראינו אליו. **אפילו א יחיד וואס האט נישט דעם כח פונעם ציבור, א מענטש פאר זיך אליין, אין א ווינקל ביי זיך אינדערהיים, צו אין בית המדרש, און ער רעדט צום אייבערשטען, און ער בעט פונעם אייבערשטען, איז דער אייבערשטער נאנט צו אים, דער באשעפער איז מקבל פון אים וואס ער בעט.** - מען דארף וויסן די חשיבות פון די טעג וואס מיר גייען אריין דערין, נישט לאזן אדורכגיין ליידיג. יעדע מינוט און יעדע שעה פונעם טאג, דארף זיין חשוב ביים מענטש עס אויסצונוצן אויף צו נתקרב ווערן. עס איז נישט דא נאך אזא צייט וואס דער אייבערשטער זאגט, איך בין נאנט צו דיר, דו דארפסט נישט גיין ווייט אז דו זאלסט צוקומען צו מיר.

*

**מען** זאגט אין די תפלות פון די הייליגע טעג, אז דער אייבערשטער איז פותח שער לדופקי בתשובה, דער אייבערשטער עפענט די טויערן פאר די וואס קלאפן אן, און ווילן תשובה טון. ווען א מענטש גייט, ער וויל באזוכן דעם חבר, ער וויל אריינגיין צום חבר'ס שטוב, און ער טרעפט אז עס איז דא אן אייזערנע

טויער און מען קען נישט אריינגיין, עס איז פארמאכט. עס איז נישט מעגליך בדרך הטבע, ער זאל קענען אריינגיין דארט פון זיך אליין, עס איז דא אן אייזערנע טיר, א מחיצה של ברזל וואס איז מפסיק, און ער קען נישט אריינגיין. אבער ווען ער קלאפט אן אויף די טיר, ער גיט א קלינג די בעי"ל, קומט ארויס דער בעל הבית, צו דער באדינער, און עפענט די טיר פאר אים. עס איז א ברייטע טיר, און ער קען אריינגיין. ער האט גארנישט געטון, ער דארף אפילו נישט געבן קיין ריק די טיר, די טיר עפענט זיך פון זיך אליין, און מען קען אריינגיין.

**אזוי** איז כביכול ביים אייבערשטען. ווען א מענטש איז דופקי בתשובה, ער קומט צום שער, און דער שער איז פארמאכט, מען קען נישט אדורכגיין, עס איז דא א מחיצה של ברזל וואס איז מפסיק בין ישראל לאביהם שבשמים. מען בעט נישט פון דיר דו זאלסט שטופן די טיר, דו זאלסט צוברעכן די טיר, נאר קלאפ אן! געב א קלאפ, אזוי ווי ווען דו גייסט צו דיין חבר. גיב א קלאפ, וועט מען פון אינעווייניג עפענען די טיר, דו וועסט נישט דארפן צולייגן קיין האנט, און דו וועסט טרעפן אז די טיר וועט זיין אפען. דער אייבערשטער איז פותח שער לדופקי בתשובה, אז מען קלאפט אן, אז מען וויל תשובה טון, האסט געקלינגען די בעי"ל פונעם אייבערשטען, דו ווילסט אריינקומען, עפענט מען דיר די טיר. א יוד דארף נישט טון מער ווי זיין דער דופקי בתשובה, אנקלאפן, איך וויל זיך צוריק קערן צום אייבערשטען, איך וויל נאנט ווערן צו דיר, און אזוי פרובירן אריינצוקומען.

**אבער** ווען מען עפענט די טיר, טאמער דער יוד וועט שטיין ווייטער אינדרויסן, ער וועט נישט אריינגיין, האט ער גארנישט אויפגעטון פון דעם וואס מען האט געעפנט דעם טיר. מען קלאפט אויף די טיר, און מען וויל אריינגיין, און מען עפענט דעם טיר, אבער נאכדעם דארף מען אריינגיין אינעווייניג, דעמאלטס האט מען אויפגעטון מיט דעם וואס מען האט אנגעקלאפט. דער באשעפער איז פותח שער לדופקי בתשובה, דו געבסט א קלאפ אויף די טיר אז דו ווילסט תשובה טון, עפענט דער אייבערשטער די טיר. דו האסט א ברייטע טיר, דו האסט גארנישט געדארפט טון, אפילו א שטופ צו געבן די טיר, דו זאלסט קענען אריינגיין. אבער אונזער עבודה איז, נישט צו בלייבן אינדרויסן, נאר אריין גיין אינעווייניג, און זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן אייבערשטען, און בעטן אונז וויל מיר זיין אנדערש. געדענקען אויף וואס מיר זענען אראפגעקומען אויף די וועלט.

*

**א** יוד דארף צו בעטן אויף גשמיות און אויף רוחניות. **לעבט מען דען אויף די וועלט כדי צו עסן, טרינקען, מאכן געלט, און אנדערע עניני עולם הזה?! התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין. זיי דיך מתבונן, מה חובתי בעולמי, אזויפיל יארן דרייט מען זיך ארום אויף די וועלט, וואו האלסטו ערגעץ, וואו ביסטו אנגעקומען? וואו ביסטו, אין וואספארא מצב שטייסטו? און בעטן פונעם אייבערשטען, מען זאל נישט אדורכלאזן דאס לעבן ליידיג. מען וועט אנקומען און זיין א אלטער יוד, און זעהן אז מען שטייט ליידיג פון אלעם. מען דארף אויסנוצן די צייט און דאס לעבן וואס דער אייבערשטער גיט, מען זאל דינען דעם אייבערשטען.** מען לעבט אין א וועלט פון אזויפיל נסיונות, און אזויפיל שוועריקייטן צו עבודת ה', בעטן אז דער אייבערשטער זאל גרינג מאכן, אז מען זאל קענען עומד זיין אין די אלע נסיונות. דאס איז די צייט וואס א יוד איז מתפלל יעצט פארן אייבערשטען, און דאס איז די צייט וואס דער אייבערשטער איז אורי בראש השנה, ער גיט אריין א ליכטיגקייט. ווען א יוד וויל זיך מתקרב זיין צום באשעפער, האט ער די מעגליכקייט ער זאל קענען נאנט ווערן צום אייבערשטען.

**און** מען זעהט, אז רוב פון די תפלות וואס מען איז מתפלל אין ראש השנה, כמעט וואס מען רעדט נישט פון עניני גשמיים, עס ווערט כמעט נישט ארויפגעברענגט אין די שמונה עשרה וועגן די צרכים פונעם מענטש. אלעס איז נאר גערעדט געווארן פון עניני רוחניים, פון התגלות כבוד שמים, וואס מען איז נאך אזויפיל יארן אין גלות. און מען זעהט נישט קיין עק און קיין ענדע פון דעם גלות, קיינער האט נישט געגלייבט, אז נאך אזא קריג וואס מען איז אדורכגעגאנגען, מען האט פארלוירן אזויפיל פון כלל ישראל, עס איז זיכער געווען א חלק פון עיקבתא דמשיחא וואס יודען זענען אדורכגעגאנגען, און זיבעציג אכציג יאר שפעטער, זיצט מען נאך אין אמעריקא על סיר הבשר, מען לעבט אזוי ווי מען לעבט אין אמעריקא. קיינער האט נישט געטראכט

אז מען וועט קענען אפילו אויסהאלטן, אז עס זאל קענען זיין אזא מציאות.

**דארף** מען מתפלל זיין, און מעורר רחמים זיין, זאגן די תפלות מיט א ערנסטקייט, און מתפלל זיין פון טיפעניש פון הארץ. ווען דער אייבערשטער וועט אונז העלפן, עס וועט קומען די גאולה, וועלן דאך אלע פראבלעמען און אלע צרות זיך אויפהערן. מען וועט זיין נאנט צום אייבערשטען, וואס דאס איז דאך דער תכלית פון די בריאה. דאס איז די עיקר פון די עבודה פון די הייליגע טעג, די עבודה פון ראש השנה, און פון די עשרת ימי תשובה נאכדעם. בעטן אויף אלע עניני גשמיים וואס דער מענטש דארף האבן. נישט שוינען קיין ווערטער, ארויסרעדן, און מתפלל זיין וואס עס קוועטשט אים, און וואס עס דרוקט אים, און וואס ער דארף צו האבן. דער באשעפער איז א שומע תפלה, און ער הערט צו יעדעס ווארט וואס מען זאגט. מתפלל זיין אויפן רוחניות פון זיך, און ער זאל קענען ערציען ערליכע קינדער, ערליכע יודישע דורות, מען זאל נישט אדורכפאלן אין די נסיונות וואס אונז לעב מיר היינט.

**מתפלל** זיין אויפן כבוד שמים, וידע כל פעול כי אתה פעלתו, ויבין כל יציר כי אתה יצרתו, ומלכותו בכל משלה, דער אייבערשטער זאל שוין צוריק זיין דער מלך על כל הארץ. - אמרו לפני מלכיות, כדי שתמליכוני עליכם (ראש השנה טז.), שטייט אין הייליגע ספרים, מען דארף זאגן די מלכיות כדי שתמליכוני עליכם, ממליך זיין דעם אייבערשטען קודם אויף זיך אליין, און נאכדעם ממליך זיין דעם אייבערשטען אויף די וועלט. ממליך זיין דעם אייבערשטען איז טייטש, דער אייבערשטער איז מיין מלך, איך בין מקבל אויף מיר עול מלכותו, און איך בין צוגעבינדען צום מלך, און איך פאלג וואס מיין מלך זאגט. פרובירן צו גיין אין די דרכי ה׳, דאס דארף מען זאגן די מלכיות, כדי שתמליכוני עליכם, ארויסברענגען ביי יעדע יוד אליין, זיין צוגעבינדיגקייט צו דעם מלך.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אונז זאל מיר קענען האבן די ריכטיגע דיבורים, קענען מתפלל זיין און בעטן ביים אייבערשטען אלעס וואס עס קוועטשט אונז. דער באשעפער זאל מקבל זיין אלע תפלות פון אלע צובראכענע הערצער וואס יודען זענען מתפלל. יעדער יוד דארף דאך האבן אלע ישועות, דער באשעפער זאל געבן עס זאל זיין א פרייליך יאר און א ליסטיג יאר. אין די דריי טעג פונעם יום טוב שטייט דאך, אז מען דארף זיך שוין מער צוגרייטן צום יום טוב ווי פארדעם. דער באשעפער זאל געבן, מען זאל קענען מאכן די ריכטיגע הכנה צום הייליגן יום טוב, דער באשעפער זאל מקבל זיין אלע תפלות וואס אונז בעט מיר, בני חיי ומזוני. דער באשעפער זאל געבן קינדער, און נחת פון די קינדער, פרנסה וואס מען דארף האבן, געזונט, אריכת ימים ושנים. פאר אלע קראנקע וואסווארטן אויף א ישועה, זאל דער באשעפער געבן רפואות און ישועות. און אלע געזונטע זאלן נישט צוקומען דערצו, אז מען זאל דארפן האבן א רפואה. מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, עס זאל נתקבל ווערן די תפלות, דאס יאר זאל שוין זיין א שנת גאולה וישועה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.